בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ

סֵפֶר

# עֲצָתוֹ אֱמוּנָה

בְּרִיוֹן פוּן חִיזוּק, אֱמוּנָה און
פְּרַאקְטִישֶׁע עֵצוֹת פַאר'ן לֶעבְּן,
גֶעשְׁרִיבְּן דוּרְךְ רֹאשׁ יְשִׁיבַת תִּפְאֶרֶת
הַתּוֹרָה בְּרֶסְלֶב

אִידִישׁ

## פַּרְשַׁת בֹּא

286

תשפ"ג

היכל הקודש

צו באקומען וועכענטליך די עצתו אמונה רופט: 718-387-2691

# היכל הקודש ברסלב

**181 Huschke Road,** Liberty NY 12747

היכל הקודש
**וויליאמסבורג**
**27 Skillman Street**
Brooklyn NY 11205
**718.384.1652**

היכל הקודש
**בארא פארק**
**4801 11th Ave,**
Brooklyn NY 11219
**347.760.5924**

היכל הקודש
**קרית יואל**
**8 Hayes Ct.**
Monroe NY 10950
**845.467.5299**

היכל הקודש
**קרית יואל**
**8 Premishlan Way.**
Monroe NY 10950
**845.243.0563**

היכל הקודש
**בלומינגראוו**
**24 Merriewold LN S**
Monroe NY 10950
**845.238.0804**

היכל הקודש
**מאנסי**
**32 Dolson Road**
Monsey NY 10952
**347.733.7551**

היכל הקודש
**ירושלים**
**רחוב רבי נחמן מברסלב 15**
**054.845.6150**

היכל הקודש
**בני ברק**
**רחוב הבעל שם טוב 7**
**052.760.5715**

נדפס ע"י

**קרן הדפסה**
**היכל הקודש**
2623 State Route 52
Liberty, NY 12754
**718.387.2691**
www.BreslevCenter.com

צו הערן די
הערליכע שיעורים
פונעם ראש ישיבה שליט"א
רופט:

קול ברסלב
**212.444.9191**

חיזוק פאר די אידישע שטוב
**212.444.9169**

# עֲצָתוֹ אֱמוּנָה

פַאַרְוָואס שְׁטֶערְט מִיר אַז מַיין מַאן לָאזְט זִיךְ וַואקְסְן דִי בָּארְד?..........................א
פַאַרְוָואס הָאט מִיר אָנְגֶעכַאפְּט אַזֶעלְכֶע שְׁרֶעקְלִיכֶע פְּחָדִים?..........................ג

# אִישׁ אֱמוּנוֹת

שְׁטַארְקְט אַייךְ מִיט אַייעֶר הֵיילִיגֶע אַרְבֶּעט פוּן מְחַזֵק זַיין אִידִישֶׁע קִינְדֶער ..........................א
נָאךְ אַבִּיסְל וֶועלְן דִי עֶלְטֶערְן זָאגְן אַז עֶנְק זֶענֶען זֵייעֶר גְרֶעסְטֶע נַחַת..........................א
וִוי אִיז דָא אַ גְרֶעסֶערֶע זְכוּת וִוי אוֹיסְטֵיילְן עֶסְן פַאר מִשְׁפָּחוֹת נִצְרָכִים..........................ב
נֶעמֶען דֶעם מַאן פַאר אַ חַבֶר..........................ג
עֶס אִיז גָאר אַנְדֶערְשׁ קִינְדֶער וָואס זֶעעֶן זֵייעֶר טַאטֶע לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג..........................ד
דֶערְצֵיילְט פַאר אַייעֶרֶע עֶלְטֶערְן וֶוער עֶס לוֹיפְט אַייךְ נָאךְ ..........................ה
אַוַודַאי אִיז כְּדַאי צוּ לֶערְנֶען מִיט דִי קִינְדֶער סֵפֶר הַמִידוֹת..........................ה
זָאגְט יֶעדְן טָאג כָאטְשִׁיג אֵיין קַאפִּיטְל תְּהִלִים..........................ו
אַז מֶען קוּקְט מָאוִויס, וֶוערְט מֶען אָפְּגֶערִיסְן פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן ..........................ו
גֶעבּ אַכְטוּנְג פוּן דִי וָואס פַאַרְדְרֵייעֶן דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּינְ׳ס וֶוערְטֶער ..........................ז
הֶער אוֹיף מֶעסְטְן דַיין וַוייבּ אוֹיבּ זִי אִיז אַזוֹי גוּט וִוי דַיין מַאמֶע..........................ח
דִי מֵיידְלֶעךְ רֶעדְן נָאר דִי הֵיילִיגֶע שְׁפְּרַאךְ אִידִישׁ..........................ט
אַ וַוייבּ קֶען מֶען נִישְׁט אוֹיסְשְׁפִּילְן, דוּ שְׁפִּילְסְט זִיךְ אַלֵיין אוֹיס..........................ט
דָאס לֶעבְּן פִירְט מֶען מִיט דִי תּוֹרָה, אַזוֹי וִוי דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וִויל..........................י
דָאס גְרוֹיסְקֵייט פוּן הֵיילִיגְן קְדוּשַׁת לֵוִי זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ ..........................יא
אַ בַּאזוּךְ אִין קִרְיַת יוֹאֵל אוּן אִין קִרְיַת בְּרֶסְלֶב ..........................יג
דָאס רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן גֶעבְּט שְׁטַארְקֵייט, עֶס בַּארוּאִיגְט..........................טז

קֶען זִיךְ דֶען אַ מֶענְטְשׁ בַּאהַאלְטְן פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן? ............ יז
וֶוען דוּ הָאסְט אַ שְׁוֶוערֶע מִינוּט, עֶפְן דַיין מוֹיל אוּן רֶעד צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן ............ יח
בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז דָאס קִינְד זָאל זַיין גֶעזוּנְט ............ יט
הַנְהָגוֹת פַאר'ן לֶעבְּן נָאךְ דִי חֲתוּנָה ............ יט
מֶען דַארְף נִישְׁט אַלֶעס נָאכְגֶעבְּן פַאר'ן מַאן ............ כ
מֶען קֶען נִישְׁט מְחַייֵב זַיין אַ מֶענְטְשׁ צוּ גֶעבְּן חוֹדֶשׁ'לִיךְ כַּךְ וְכַךְ ............ כא
גֵיי אִין מִקְוֶה יֶעדְן טָאג, פַארְפֶעל נִישְׁט קַיין מִקְוֶה ............ כב
עֶס אִיז נַארִישׁ צוּ מְקַנֵא זַיין אַ צְוֵוייטְן ............ כג
דִי שְׁטוּבֶּער וָואס מֶען לַאכְט אוֹיף עֶרְלִיכֶע אִידְן, פַאלְן דִי קִינְדֶער אַוֶועק ............ כד
מֶען קֶען נִישְׁט צְווִינְגֶען דִי וַוייבּ אַז זִי מוּז טוּן אַזוֹי אוּן אַזוֹי ............ כה
בְּרֶענְג אַהֵיים אַ גוּטֶע זַאךְ, פְרֵיילִיךְ צוּ מַאכְן דַיין וַוייבּ ............ כו
שָׁלוֹם בַּיִת אִיז אָנְגֶעהָאנְגֶען אִינֶעם זִיךְ דוּרְכְרֶעדְן ............ כז
אִין שְׁטוּבּ זָאל זַיין שָׁלוֹם, וָואס מֶען רֶעדְט אִינְדְרוֹיסְן זָאל נִישְׁט אָנְגֵיין ............ כח
גֶעבְּט אַכְטוּנְג מֶען זָאל רֶעדְן אִין שׁוּל נָאר דִּבּוּרֵי הִתְחַזְקוּת ............ כט
עֶס וֶועט זַיין שֶׁפַע, מֶען וֶועט קֶענֶען בַּאצָאלְן דִי אַיינְגֶעשְׁטֶעלְטֶע ............ ל
דִי עִיקָר כֹּחוֹת לֵייג אַרַיין אִין חֵדֶר ............ לא
יֶעדֶער קֶען קוּמֶען אִין שׁוּל, נִישְׁט יֶעדֶער קֶען אָבֶּער פָארְלֶערְנֶען ............ לב
דִי סְעוּדוֹת שַׁבָּת וֶועלְן דִיר מְתַקֵן זַיין אַלֶע פְּגָמִים ............ לג

# הקונטרס לרפואת העניא בת ראכל בתשוח"י

# עֲצָתוֹ אֱמוּנָה

## פַארְוָואס שְׁטֶערְט מִיר אַז מַיין מַאן לָאזְט זִיךְ וַואקְסְן דִי בָּארְד?

**שְׁאֵלָה:**

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

צוּם עֶרְשְׁט מוּז אִיךְ זִיךְ זֵייעֶר בַּאדַאנְקֶען, זַייט מִיר הָאבְּן אָנְגֶעהוֹיבְּן הֶערְן דִי חִיזוּק אוּן שִׁיעוּרִים פוּנֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א הָאט זִיךְ אוּנְזֶער לֶעבְּן גָאר שְׁטַארְק פַארְבֶּעסֶערְט, סְפֶּעצִיעֶל אִיז אוּנְזֶער שָׁלוֹם בַּיִת גֶעוָוארְן פִיל פִיל בֶּעסֶער.

אִיךְ הָאב גֶעוָואלְט פְרֶעגְן עֶטְלִיכֶע זַאכְן. עֶרְשְׁטְנְס, מִיר הָאבְּן זִיךְ טַאקֶע פַארְבֶּעסֶערְט אִין גָאר אַסַאךְ הִינְזִיכְטְן זַייט מִיר זֶענֶען מְקוּרָב גֶעוָוארְן צוּ בְּרֶסְלֶב, אָבֶער עֶס שְׁטֶערְט מִיר אַז מַיין מַאן הָאט אָנְגֶעהוֹיבְּן לָאזְן וַואקְסְן זַיין בָּארְד, עֶס שְׁטֶערְט מִיר שְׁטַארְק דִי וֶועג ווִי אַזוֹי עֶר זֶעט אוֹיס מִיט אַ בָּארְד, כָאטְשׁ וָואס אִיךְ וֵוייס דִי חֲשִׁיבוּת דֶערְפוּן.

צְוֵוייטְנְס ווִיל אִיךְ פְרֶעגְן וֶועגְן שֶׁערְן מַיין הָאר, דָאס אִיז אַ זַאךְ וָואס אִיךְ הָאב קֵיינְמָאל נִישְׁט גֶעטְרַאכְט אֲפִילוּ אַז אִיךְ גֵיי עֶס טוּן, אָבֶער זַייט מַיין מַאן הֶערְט דִי שִׁיעוּרִים שְׁטֶערְט אִים זֵייעֶר אַז אִיךְ שֶׁער נִישְׁט דִי הָאר, עֶר דֶערְמַאנְט מִיר עֶס כְּסֵדֶר, עֶר הַאלְט אִין אֵיין זָאגְן אַז עֶר שְׁפִּירְט אַז דִי שְׁכִינָה רוּט נִישְׁט אִין אוּנְזֶער הוֹיז צוּלִיב דֶעם. עֶס טוּט מִיר וֵויי אַז אִיךְ קֶען אִים דָאס נִישְׁט גֶעבְּן כָאטְשׁ עֶר ווִיל עֶס אַזוֹי שְׁטַארְק, עֶס אִיז מִיר שְׁוֶוער צוּ גְלֵייבְּן אַז טְרָאץ דִי פִילֶע אַנְדֶערֶע גוּטֶע זַאכְן וָואס מִיר טוּעֶן, וֶועט דִי שְׁכִינָה נִישְׁט רוּעֶן בַּיי אוּנְז נָאר צוּלִיבְ'ן נִישְׁט שֶׁערְן דִי הָאר.

אוֹיף דֶערְוַוייל אִיז דָאס נִישְׁט אַ זַאךְ וָואס אִיז מִיר מֶעגְלִיךְ צוּ טוּן, אוּן אִיךְ הָאף דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א וֶועט מִיר קֶענֶען אַבִּיסְל אוֹיסְקְלָארְן דֶעם עִנְיָן, פַאר מִיר אוּן פַאר מַיין מַאן.

יְיַשֶׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב׳ פַּרְשַׁת שְׁמוֹת, ט״ז טֵבֵת, שְׁנַת תשפ״ג לִפְרָט קָטָן

מָרַת ... תִּחְיֶ׳

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אַייעֶר בְּרִיוו.

בָּארְד אוּן פֵּאוֹת אִיז זֵייעֶר אַ הֵיילִיגֶע זַאךְ, עֶס זָאל אַייךְ נִישְׁט שְׁטֶערְן אַז אַייעֶר מַאן לָאזְט זִיךְ וַואקְסְן בָּארְד אוּן פֵּאוֹת; דָאס וֶועט עֶנְק בְּרֶענְגֶען פַּרְנָסָה, דָאס וֶועט עֶנְק בְּרֶענְגֶען עֶרְלִיכֶע דוֹרוֹת.

אִיר קֶענְט זָאגְן פַאר אַייעֶר מַאן עֶר זָאל אַרַיינְדְרֵייעֶן זַיין בָּארְד, אָבֶער אִיר זָאלְט אִים חַס וְשָׁלוֹם נִישְׁט זָאגְן עֶר זָאל שְׁנַיידְן דִי בָּארְד. וַוייל דֶער הֵיילִיגֶער זוֹהַר הַקָדוֹשׁ רוּפְט דִי בָּארְד: ״דִי הֵיילִיגֶע רֶערְן״; דִי בָּארְד בְּרֶענְגְט דִי גַאנְצֶע שֶׁפַע, דִי גַאנְצֶע פַּרְנָסָה.

בְּנוֹגֵעַ זִיךְ שֶׁערְן וְכוּ׳; מֶען קֶען נִישְׁט צְווִינְגֶען דָאס צוּ טוּן, מֶען דַארְף אַסַאךְ בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן מֶען זָאל הָאבְּן אַ גֶעפִיל צוּ פָאלְגְן דִי הֵיילִיגֶע צַדִיקִים וָואס הָאבְּן אַזוֹיפִיל גֶערֶעדְט אוּן גֶעבֶּעטְן אִידִישֶׁע קִינְדֶער זָאלְן זִיךְ פִירְן הֵיילִיג אוּן רֵיין. דִי הֵיילִיגֶע צַדִיקִים פְלֶעגְן וֵויינֶען צוּ אִידִישֶׁע טֶעכְטֶער זֵיי זָאלְן זִיךְ שֶׁערְן דִי הָאר, וַוייל דָאס הַאלְט אָפּ דִי גְאוּלָה.

דֶער הֵיילִיגֶער צַדִיק, דֶער מַלְאָךְ פוּן הִימְל, דֶער סַאטְמֶערֶער רֶבִּי זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ - הָאט גֶעוֵויינְט כָּל נִדְרֵי בַּיינַאכְט צוּ דִי וַוייבֶּער אוּן זֵיי גֶעזָאגְט: ״וֶועגְן אַבִּיסְל הָאר הַאלְט זִיךְ אָפּ דִי גְאוּלָה״.

מִיט תְּפִלָּה קֶען מֶען זוֹכֶה זַיין זִיךְ צוּ טוּישְׁן אִינְגַאנְצְן.

אִיר קֶענְט וַוייזְן דֶעם בְּרִיוו פַאר אַייעֶר מַאן.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

### פַארְוָואס הָאט מִיר אָנְגֶעכַאפְּט אַזֶעלְכֶע שְׁרֶעקְלִיכֶע פְּחָדִים?

**שְׁאֵלָה:**

לִכְבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

מַיין לֶעבְּן אִיז מִיר זֵייעֶר זֵייעֶר גוּט בָּרוּךְ הַשֵּׁם.

אִיךְ הָאבּ גֶעקוּקְט זֵייעֶר אַ שְׁרֶעקֶעדִיג זַאךְ, וְוִי אַ גּוֹי הָאט אוֹיפְגֶעשְׁנִיטְן פִיר מֶענְטְשְׁן, אַלֶע פוּן צְוָואנְצִיג יָאר אַלְט. זֵיי זָאגְן אַז עֶר אִיז גֶעוֶוען אִין דִי הוֹיז נָאךְ פַאר דִי פִיר זֶענֶען אַהֵיימְגֶעקוּמֶען. אוּן יֶעצְט צִיטֶער אִיךְ אַז וֶוען אִיךְ גֵיי אַרוֹיס פוּן הוֹיז, גֵייט אֵיינֶער אַרַיין.

יֶעדֶע גֶערוּדֶער וָואס אִיךְ הֶער, קְלַאפְּט מַיין הַארְץ גֶעפֶערְלִיךְ שְׁטַארְק, אִיךְ שָׁאקְל זִיךְ פַאר שְׁרֶעק. אִיךְ טְרַאכְט אַלֶע שְׁרֶעקֶעדִיגֶע זַאכְן אַז קוֹדֶם גֵיי אִיךְ זֶעהן וְוִי מֶען הַרְגְ'עֶט דִי בֶּעיבִּי, נָאכְדֶעם מַיין מַאן חַס וְשָׁלוֹם, נָאכְדֶעם גֵייט מֶען מִיךְ לָאזְן לֶעבְן. אִיךְ טְרַאכְט אַז אֵיינֶער גֵייט הַרְגְ'עֶנֶען מַיין טַאטֶע אוּן מַאמֶע חַס וְשָׁלוֹם. אִיךְ וֵייס נִישְׁט פוּן וואו דִי אַלֶע פְּחָדִים זֶענֶען אַרוֹיסְגֶעקוּמֶען פְּלוּצְלוּנְג. אִיךְ הָאבּ זֵייעֶר שְׁטַארְק מוֹרָא פוּן דִי גֶעגְנְט וואו מִיר וואוֹינֶען, נֶעכְטְן בַּיינַאכְט בִּין אִיךְ אַיינְגֶעשְׁלָאפְן פִינְף אַזֵייגֶער פַארְטָאגְס.

יְיַשֵׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב׳ פַּרְשַׁת שְׁמוֹת, ט״ז טֵבֵת, שְׁנַת תשפ״ג לִפְרָט קָטָן

מָרַת ... תִּחְיֶ׳

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אַייעֶר בְּרִיוו.

קוּקְט נִישְׁט קַיין מָאוִויס - וֶועט אִיר נִישְׁט הָאבְּן מֶער קַיין פְּחָדִים; אַלֶע אַייעֶרֶע צָרוֹת קוּמְט פוּן קוּקְן מָאוִויס, דָאס מַאכְט אַייךְ פַארְגְלָאצְט אוּן פַארְחָלוֹמְ׳ט מִיט דִי שְׁטוּתִים וָואס אִיר הָאט גֶעקוּקְט.

וַוארְפְט אַרוֹיס אַייעֶר טֶעלֶעפָאן. דֶער טֶעלֶעפָאן אִיז אַייעֶר שׂוֹנֵא, דִי מָאוִויס אִיז אַייעֶר פַיינְט, דָאס הַרְגְ׳עֶט אַייךְ. אַז אִיר וֶועט מֶער נִישְׁט קוּקְן קַיין מָאוִויס - וֶועט אִיר מֶער נִישְׁט הָאבְּן קַיין פְּחָדִים, אִיר וֶועט קֶענֶען שְׁלָאפְן בַּיינַאכְט.

אוֹיךְ וֶועט אִיר זַיין אַ גוּטֶע וַוייבּ אוּן אַ גֶעטְרֵייעֶ מַאמֶע פַאר דִי קִינְדֶער. אַז מֶען קוּקְט מָאוִויס וֶוערְט מֶען אוֹיס מַאמֶע אוּן אוֹיס וַוייבּ; נִישְׁטָא קַיין

נַאכְטְמָאל, נִישְׁטָא עֶפֶּעס וַואָרֶעמְס אַרַיינְצוּנֶעמֶען אִין מוֹיל, נָאכְדֶעם אִיז מֶער נִישְׁטָא קַיין פְרִישֶׁע וֶועשׁ, אוּן דִי גַאנְצֶע הוֹיז וֶוערְט צֶעפַאלְן.

הֶערְט זִיךְ צוּ, פָּאלְגְט וָואס שְׁטֵייט אִינֶעם בְּרִיוו, אַז נִישְׁט וֶועט אִיר וֶוערְן אַ מֶענְטְל-קֶעיס. וַוייל אַלֶע וָואס לַיידְן פוּן פְּחָדִים, עֶנְקְזֵייעֶטִי, פַּאנִיק אַטַאקֶעס וְכוּ׳ וְכוּ׳ - אַלֶעס קוּמְט פוּן זִיךְ מַפְקִיר זַיין דִי אוֹיגְן; נָאר דֶער וָואס הִיט דִי אוֹיגְן - לֶעבְּט אַ זִיסֶע רוּאִיגֶע הָאנִיג׳דִיג לֶעבְּן.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

# אִישׁ אֱמוּנוֹת

## שְׁטַארְקְט אַייךְ מִיט אַייעֶר הֵיילִיגֶע אַרְבֶּעט פוּן מְחַזֵק זַיין אִידִישֶׁע קִינְדֶער

**בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ – יוֹם ד׳ פַּרְשַׁת וַיִּגַּשׁ, ד׳ טֵבֵת, שְׁנַת תשפ״ג לִפְרָט קָטָן**
**מָרַת ... תִּחְיֶ׳ בְּרֶסְלֶב, לִיבֶּערְטִי**

אַ יְיַשֶׁר כֹּחַ פַאר דִי חֲנוּכָּה גֶעלְט אוּן פַאר דִי שֵׁיינֶע בְּרִיוו. אִיךְ הָאבּ זֵייעֶר הַנָאָה גֶעהַאט וִוי אִיר רֶעכְנְט אוֹיס דִי צְוֶועלְף טְרֶעפּ פְּרָאגְרַאם וָואס מִיר בַּאקוּמֶען פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי׳ן.

שְׁטַארְקְט אַייךְ מִיט אַייעֶר הֵיילִיגֶע אַרְבֶּעט פוּן מְחַזֵק זַיין אִידִישֶׁע קִינְדֶער. אַזוֹיפִיל אִידִישֶׁע מַאמֶעס דַארְפְן אַבִּיסְל חִיזוּק צוּ קֶענֶען אָנְגֵיין מִיט בּוֹיעֶן כְּלַל יִשְׂרָאֵל; ווּאוֹיל אִיז דֶעם וָואס אִיז מְחַזֵק אִידִישֶׁע קִינְדֶער צוּ קֶענֶען אָנְגֵיין מִיט דִי קִינְדֶער אוּן מַאן.

...

## נָאךְ אַבִּיסְל וֶועלְן דִי עֶלְטֶערְן זָאגְן אַז עֶנְק זֶענֶען זֵייעֶר גְרֶעסְטֶע נַחַת

**בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ – יוֹם ד׳ פַּרְשַׁת וַיִּגַּשׁ, ד׳ טֵבֵת, שְׁנַת תשפ״ג לִפְרָט קָטָן**
**לְכָבוֹד מַיין טֵייעֶרֶער ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

זַיי מְחַזֵק דַיין וַוייבּ אוּן דַאנְק דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז זִי אִיז מִיט דִיר, זִי אִיז פַאר דִיר אַן ״עֵזֶר״. חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (יְבָמוֹת סג.): ״זָכָה, עוֹזַרְתּוֹ״,

עֶס אִיז אַ גֶעוֹוינְס וֶוען מֶען הָאט אַ וַוייבּ וָואס שְׁטֵייט מִיטְן מַאן; אוּן אַז דַיין שְׁוִויגֶער טְשֶׁעפֶּעט אִיר וְכוּ׳ - זָאלְסְטוּ אִיר מְחַזֵק זַיין אוּן נִישְׁט מַאכְן קַיין מַחֲלֹקֶת.

וֶועסְט זֶען, נָאךְ אַבִּיסְל וֶועלְן דַיינֶע עֶלְטֶערְן אוּן אִירֶע עֶלְטֶערְן זָאגְן מִיט אַ פִילֶע מוֹיל אַז עֶנְק זֶענֶען זֵייעֶר גְרֶעסְטֶע נַחַת. זֵייעֶר אַסַאךְ תַּלְמִידֵי הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ זֶענֶען דָאס אַרִיבֶּער, מֶען הָאט זֵיי גֶעטְשֶׁעפֶּעט אִין אָנְהוֹיבּ אוּן בַּיים סוֹף הָאבְּן זֵיי אַלֶע מוֹדֶה גֶעוֶועזְן אַז דַיְקָא תַּלְמִידֵי הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ פִירְן שֵׁיינֶע עֶרְלִיכֶע מִשְׁפָּחוֹת.

לֶערְן יֶעדְן טָאג דֶעם בְּלַאט גְמָרָא.

...

### ווִי אִיז דָא אַ גְרֶעסֶערֶע זְכוּת ווִי אוֹיסְטֵיילְן עֶסְן פַאר מִשְׁפָּחוֹת נִצְרָכִים

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד׳ פַּרְשַׁת וַיִּגַּשׁ, ד׳ טֵבֵת, שְׁנַת תשפ״ג לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד מַיין טַייעֶרֶער ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ בִּין מְקַנֵא דַיין זְכוּת וָואס דוּ טוּסְט מִיט זָארְגְן פַאר אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ זָאלְן הָאבְּן עֶסְן.

מוֹהֲרַא״שׁ זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ פְלֶעגְט זָאגְן: ״מָשִׁיחַ וֶועט קוּמֶען בִּזְכוּת דִי וָואס טוּעֶן חֶסֶד פַאר אִידִישֶׁע קִינְדֶער״; ווִי אִיז דָא אַ גְרֶעסֶערֶע זְכוּת ווִי אוֹיסְטֵיילְן עֶסְן פַאר מִשְׁפָּחוֹת נִצְרָכִים, בִּפְרַט אִין דִי הַיינְטִיגֶע טֶעג וָואס דִי פְּרֵייזְן פַאר עֶסְן אִיז אַזוֹי הוֹיךְ; אַ פָּשׁוּטְ׳עֶ שַׁבָּת סְעוּדָה פַאר אַ קְלֵיינֶע מִשְׁפָּחָה קָאסְט אַפָּאר הוּנְדֶערְט דָאלֶער, אוּן דוּ מִיט דַיין גוּטֶע הַארְץ - בִּיסְטוּ זִיךְ מַמָשׁ מוֹסֵר נֶפֶשׁ מֶען זָאל הָאבְּן עֶסְן.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל דִיךְ בֶּענְטְשְׁן זָאלְסְט קֵיינְמָאל נִישְׁט דַארְפְן צוּקוּמֶען צוּ אַנְדֶערֶע, זָאלְסְט הָאבְּן גְרוֹיס שֶׁפַע.

...

## נֶעמֶען דֶעם מַאן פַאר אַ חָבֵר

**בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד׳ פָּרָשַׁת וַיִּגַּשׁ, ד׳ טֵבֵת, שְׁנַת תשפ״ג לִפְרָט קָטָן מָרַת ... תִּחְיֶ׳ בְּרֶסְלֶב, לִיבֶּערְטִי**

רֶעדְט נִישְׁט מִיט קֵיינֶעם פְּרִיוַואטֶע זַאכְן פוּן אַייךְ אוּן אַייעֶר מַאן, דָאס אִיז נִיבּוּל פֶּה, דָאס בְּרֶענְגְט גֶעפֶערְלִיכֶע צָרוֹת. חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (שַׁבָּת לג.) אַז דָאס בְּרֶענְגְט שְׁוֶועֶרע גְזֵירוֹת.

אִיךְ הָאבּ אַייךְ גֶעמַאכְט אַייעֶר שִׁידוּךְ אוּן גֶעזָארְגְט פַאר אַ הוֹיז פַאר עֶנְק אוּן פַאר אַייעֶרֶע קִינְדֶער, וָואס בֶּעט אִיךְ שׁוֹין? אִיךְ בֶּעט נָאר דִי אֵיין זַאךְ, אִיר זָאלְט זִיךְ פִירְן עֶרְלִיךְ אוּן הֵיילִיג.

אִיךְ בֶּעט אַייךְ פוּן דִי טִיפֶענִישׁ פוּן מַיין הַארְץ, לָאזְט זִיךְ אָפּ פוּן וַוייבֶּלֶעךְ וָואס רֶעדְן נִיבּוּל פֶּה, עֶנְדֶערְשׁ חַבֶר׳ט זִיךְ מִיט עֶרְלִיכֶע וואוּילֶע וַוייבֶּלֶעךְ; אִין שְׁטֶעטְל זֶענֶען דָא אַזוֹיפִיל אֵיידֶעלֶע, וואוּילֶע, נָארְמַאלֶע מִשְׁפָּחוֹת, זוּכְט אַייךְ גוּטֶע חַבֶר׳טֶעס.

אִיךְ צִיטֶער אַז אִיר גֵייט וֶוערְן פַארְשֶׁעמְט פַאר דִי גַאנְצֶע שְׁטֶעטְל, וַוייל דִי פְרוֹי וָואס אִיר פְלֶעגְט רֶעדְן צוּ אִיר נִיבּוּל פֶּה - גֵייט יֶעצְט דֶערְצֵיילְן פַאר אַנְדֶערֶע וָואס אִיר הָאט דֶערְצֵיילְט, עֶס גֵייט וֶוערְן שְׁרֶעקְלִיכֶע בּוּשׁוֹת.

הוֹיבְּט אָן פוּן יֶעצְט לֶעבְּן מִיט אַייעֶר מַאן, נֶעמְט אִים פַאר אַייעֶר חָבֵר. אַייעֶר מַאן וֶועט אַייךְ קֵיינְמָאל נִישְׁט וֵויי טוּן. אִיר הָאט אַ וואוּילֶער מַאן, אַ גָאלְדֶענֶע הַארְץ, אִיךְ הָאבּ אִים אַזוֹי לִיבּ. עֶר וִויל זַיין אַייעֶר חָבֵר, עֶר וִויל שְׁמוּעֶסְן מִיט אַייךְ, פַארְוָואס זָאלְט אִיר אִים לֵייגְן אִין דִי זַייט אוּן רֶעדְן שָׁעוֹת מִיט אַנְדֶערֶע וָואס זֵיי וֶועלְן אַייךְ בַּאגְרָאבְן, זֵיי וֶועלְן אַייךְ בַּארֶעדְן... קוּקְט יֶעצְט וָואס פַאסִירְט, דִי פְרוֹי מִיט וֶועם אִיר הָאט פַארְבְּרֶענְגְט אַזוֹיפִיל, זִי רֶעדְט אוֹיף אַייךְ, זִי דֶערְצֵיילְט אַזֶעלְכֶע זַאכְן וָואס עֶס וֶועט אַייךְ בְּרֶענְגֶען שְׁטַארְקֶע בִּזְיוֹנוֹת.

אִיךְ הָאבּ אַייךְ שׁוֹין גֶעשְׁרִיבְּן אַזוֹיפִיל בְּרִיוו, נֶעמְט צוּזַאם אַלֶע בְּרִיוו אוּן לֵיינְט דָאס אִיבֶּער. אִיךְ וִויל נָאר אַייעֶר גוּטְס, אִיךְ וִויל נָאר זֶען נַחַת בַּיי מַיינֶע תַּלְמִידִים וָואס זֶענֶען אַזוֹי וִוי מַיינֶע קִינְדֶער.

נָאר עֶרְלִיכֶע אִידְן הָאבְּן שָׁלוֹם בַּיִת, נָאר בַּיי עֶרְלִיכֶע אִידְן הָאבְּן זִיךְ מַאן אוּן וַוייבּ לִיבּ. בַּיי דִי נִישְׁט עֶרְלִיכֶע אִיז אַלֶעס בְּלָאף, אַלֶעס גֶעמַאכְט, נָאר אוֹיסְשְׁטֶעכְן יֶענֶעמְ׳ס אוֹיגְן, אָבֶער פְּרִיוַואט אִין שְׁטוּבּ אִיז דָא פַּיינְטְשַׁאפְט וְכוּ׳ וְכוּ׳.

בֶּעטְס דִי תְּפִלָּה יֶעדְן טָאג: ״הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל זַיין פְרֵיילִיךְ, אִיךְ זָאל לִיבּ הָאבְּן מַיין מַאן. אִיךְ זָאל לֶעבְן מִיט אִים מִיט לִיבְּשַׁאפְט אוּן שָׁלוֹם. הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל לִיבּ הָאבְּן צוּ זַיין אַ אִיד, לִיבּ הָאבְּן עֶרְלִיכְקֵייט. הֶעלְף מִיר, אִיךְ ווִיל זַיין אַ צַדֶיקֶת, אִיךְ ווִיל הָאבְּן גוּטֶע חַבֶרְ׳טֶעס״.

זָאגְט יֶעדְן טָאג כָאטְשִׁיג אֵיין קַאפִּיטְל תְּהִלִּים, דָאס וֶועט אַייךְ רֵיין מַאכְן פַאר׳ן בַּאשֶׁעפֶער.

...

### עֶס אִיז גָאר אַנְדֶערְשׁ קִינְדֶער וָואס זֶעעֶן זֵייעֶר טַאטֶע לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד׳ פָּרָשַׁת וַיִּגַּשׁ, ד׳ טֵבֵת, שְׁנַת תשפ״ג לִפְרָט קָטָן לְכָבוֹד מַיין טֵייעֶרֶער ... נֵרוֹ יָאִיר

שְׁטַארְק זִיךְ מִיט דַיינֶע שִׁיעוּרִים כְּסִדְרָן עַל פִּי סֵדֶר דֶרֶךְ הַלִימוּד וָואס מִיר הָאבְּן מְקַבֵּל גֶעוֶועןן פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי׳ן (עַיֵּין שִׂיחוֹת הָרַ״ן, סִימָן עו); אֲפִילוּ אָן פַארְשְׁטֵיין זָאלְסְטוּ זָאגְן פְּרָקִים מִשְׁנַיוֹת אוּן בְּלֶעטֶער גְמָרָא.

דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים זָאגְן (אָבוֹת ו, ב): ״אֵין לְךָ בֶּן חוֹרִין אֶלָּא מִי שֶׁעוֹסֵק בְּתַלְמוּד תּוֹרָה״, אַ מֶענְטְשׁ וָואס לֶערְנְט תּוֹרָה - אִיז אַ פְרֵייעֶר מֶענְטְשׁ, אַן אוֹיסְגֶעלֵייזְטֶער.

אוֹיךְ זָאלְסְטוּ מַאכְן אַ שִׁיעוּר צוּ לֶערְנֶען אִין שְׁטוּבּ; עֶס אִיז גָאר אַנְדֶערְשׁ קִינְדֶער וָואס וַואקְסְן אוֹיף וֶוען זֵיי זֶעעֶן זֵייעֶר טַאטֶע עֶפֶּענֶען יֶעדְן טָאג אַ גְמָרָא וְכַדוֹמֶה, ווִי קִינְדֶער וָואס זֶעעֶן נִישְׁט זֵייעֶר טַאטֶע לֶערְנֶען.

...

### דֶערְצֵיילְט פַאר אַייעֶרֶע עֶלְטֶערְן וֶוער עֶס לוֹיפְט אַייךְ נָאךְ

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד׳ פַּרְשַׁת וַיִּגַּשׁ, ד׳ טֵבֵת, שְׁנַת תשפ״ג לִפְרָט קָטָן

**... תְּחִיֶ׳, תַּלְמִידָה בֵּית פֵּיגָא**

דֶערְצֵיילְט פַאר אַייעֶרֶע עֶלְטֶערְן וָואס גֵייט פָאר, אַז אַייעֶר שְׁוָואגֶער כַאפְּט אַייךְ אָן אוּן לוֹיפְט אַייךְ נָאךְ. הָאט נִישְׁט מוֹרָא, אוֹיב עֶר קוּמְט נָאנְט צוּ אַייךְ - זָאלְט אִיר אַרוֹיסְלוֹיפְן פוּן שְׁטוּב, אוּן אַז אַייעֶרֶע עֶלְטֶערְן מַאכְן זִיךְ נִישְׁט וִויסְנְדִיג - וֶועל אִיךְ רֶעדְן צוּ זֵיי.

אַז אַ מַאן רִירְט אָן אַ פְרֶעמְדֶע מֵיידְל - אִיז עֶר אַ מְנֻוָּל, אַ שֵׁגֶץ, זָאל זַיין וֶוער עֶס זָאל זַיין; אַ שְׁוָואגֶער, פֶעטֶער, קָאזִין וְכוּ׳.

הָעִקָּר, הָאט נִישְׁט מוֹרָא. רֶעדְט נִישְׁט קַיין אֵיין וָוארְט מִיט אִים.

זַייט בְּקֶשֶׁר מִיט דִי מְנַהֶלֶת תְּחִיֶ׳, מִיר וֶועלְן אַכְטוּנְג גֶעבְּן אוֹיף אַייךְ.

...

### אַוַודַאי אִיז כְּדַאי צוּ לֶערְנֶען מִיט דִי קִינְדֶער סֵפֶר הַמִּידוֹת

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד׳ פַּרְשַׁת וַיִּגַּשׁ, ד׳ טֵבֵת, שְׁנַת תשפ״ג לִפְרָט קָטָן

**לִכְבוֹד מַיין לִיבֶּער ... נֵרוֹ יָאִיר, מְלַמֵּד תַּלְמוּד תּוֹרָה הֵיכַל הַקּוֹדֶשׁ קִרְיַת יוֹאֵל**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין פְרַאגֶע.

אַוַודַאי אִיז כְּדַאי צוּ לֶערְנֶען מִיט דִי קִינְדֶער סֵפֶר הַמִּידוֹת. דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט אוֹיף דֶעם סֵפֶר (חַיֵּי מוֹהֲרַ״ן, סִימָן שעט): "אָט דָאס הָאט מִיךְ גֶעמַאכְט פַאר אַ אִיד"; דֶערִיבֶּער אִיז זֵייעֶר וִויכְטִיג צוּ לֶערְנֶען מִיט דִי קִינְדֶער מִידוֹת.

מִיר הָאבְּן שׁוֹין אִיבֶּערְגֶעטַייטְשְׁט רוֹב סֵפֶר הַמִּידוֹת אִין אִידִישׁ (קֶענְסְט בֶּעטְן פוּן אָפִיס מֶען זָאל דִיר דָאס שִׁיקְן), עֶס אִיז גוּט אַרַיינְצוּלֵייגְן אוֹת בַּיי אוֹת אִין אַ נִיגוּן, אוּן דָאס זִינְגֶען מִיט דִי קִינְדֶער מִיט דִי טַייטְשׁ, אַזוֹי וֶועלְן זֵיי דָאס גוּט קֶענֶען.

דַארְפְּסְט נִישְׁט אוֹיסְלָאזְן אוֹתִיוֹת, דַארְפְּסְט נָאר וִויסְן וִוי אַזוֹי צוּ טַייטְשְׁן וְכוּ׳, אוּן וֶוען דוּ הַאלְטְסְט בַּיי דִי אוֹתִיוֹת, וִוי לְמָשָׁל קֶרִי, טַייטְשְׁט מֶען אַזוֹי

(אוֹת קֶרִי, סִימָן א׳) : ״קֶרִי בָּא עַל יְדֵי דִּבּוּר מִזְּנוּת״, דוּרְךְ רֶעדְן פוּן עֲבֵירוֹת וֶוערְט מֶען טָמֵא מִיט טֻמְאַת קֶרִי, ״גַּם עַל יְדֵי שֶׁנָּפַל מֵאֱמוּנָתוֹ״, אוֹיךְ אוֹיב מֶען פַאלְט פוּן אֱמוּנָה וֶוערְט מֶען טָמֵא. אַזוֹי אוֹיךְ אִין אוֹת קִשׁוּי לֵילֵד (סִימָן א) : ״אִשָּׁה שֶׁאוֹכֶלֶת צְנוֹן בְּעִבּוּרָהּ״, אַ פְרוֹי וָואס עֶסְט רֶעטֶעךְ וֶוען זִי וַוארְט, ״תֵּלֵד בְּקִשּׁוּי״, וֶועט גֶעבּוֹירְן שְׁוֶוער.

...

### זָאגְט יֶעדְן טָאג כָאטְשִׁיג אֵיין קַאפִּיטְל תְּהִלִּים

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם א׳ פַּרְשַׁת שְׁמוֹת, ט״ו טֵבֵת, שְׁנַת תשפ״ג לִפְרָט קָטָן

**... תְּחִיֶ׳, יַבְנְאֵל**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אַייעֶר בְּרִיוו.

אִיךְ פְרֵיי זִיךְ צוּ הֶערְן פוּן אַייךְ אַז אִיר זָאגְט תְּהִלִּים אוּן אִיר הָאט שׁוֹין גֶעזָאגְט פִינְף מָאל סֵפֶר תְּהִלִּים. זַייט וַוייטֶער מַמְשִׁיךְ, זָאגְט יֶעדְן טָאג כָאטְשִׁיג אֵיין קַאפִּיטְל אוּן פְלֶעגְטְס אַרַיין אַייעֶרֶע אֵייגֶענֶע וֶוערְטֶער צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן ; וֶועלְן אַייעֶרֶע תְּפִלּוֹת אַרוֹיפְגֵיין זֵייעֶר הוֹיךְ אִין הִימְל, אוּן אִיר וֶועט הָאבְּן אַלֶעס גוּטְס.

גֶעבְּט אַ גְרוּס פַאר אַייעֶרֶע עֶלְטֶערְן.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

### אַז מֶען קוּקְט מָאוִויס, וֶוערְט מֶען אָפְּגֶערִיסְן פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב׳ פַּרְשַׁת שְׁמוֹת, ט״ז טֵבֵת, שְׁנַת תשפ״ג לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ ווִיל דִיר נָאכְאַמָאל בֶּעטְן : קוּק נִישְׁט קַיין מָאוִויס ; אַז מֶען קוּקְט מָאוִויס - וֶוערְט מֶען אָפְּגֶערִיסְן פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

מֶען אִיז יֶעצְט אַרַיין אִין דִי טֶעג פוּן שׁוֹבָבִי״ם, יֶעצְט אִיז אַ צַייט צוּ פַארְרֶעכְטְן אַלֶע פְּגָמֵי הַבְּרִית ; זָאלְסְטוּ אַוֶועקְוַוארְפְן דַיינֶע עֲבֵירוֹת. קוּק

נִישְׁט קַיין קְלִיפֹּס פוּן גוֹיִם אוּן גוֹיוֹת. קוּק נִישְׁט גָארְנִישְׁט, אֲפִילוּ נַייעֶס; אַ שָׁאד דִי מֹחַ זָאל דִיר וֶוערְן פַארְבְּרֶענְט, קוּק אִין דִי חוּמָשׁ, קוּק אִין דִי מִשְׁנַיוֹת אוּן אִין דִי הֵיילִיגֶע גְּמָרָא.

אוֹיךְ דַיין וַוייבּ וֶועט זַיין אַסַאךְ מֶער פְרֵיילִיךְ וֶוען זִי וֶועט דִיךְ זֶען מִיט אַן עֶרְלִיכֶע טֶעלֶעפָאן וָואס מֶען קֶען נִישְׁט זֶען אִין דֶעם עֲבֵירוֹת.

נֶעם אָן מַיינֶע וֶוערְטֶער, אִיךְ מַיין נָאר דַיין גוּטְס; נָאר דוּ וֶועסְט מַרְוִיחַ זַיין אַז דוּ וֶועסְט פָאלְגְן.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## גֶעבּ אַכְטוּנְג פוּן דִי וָואס פַארְדְרֵייעֶן דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּינְ׳ס וֶוערְטֶער

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב׳ פַּרְשַׁת שְׁמוֹת, ט״ז טֵבֵת, שְׁנַת תשפ״ג לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ בִּין זֵייעֶר דֶערְצִיטֶערְט פוּן דַיין בְּרִיוו.

גֵיי אַוֶועק פוּן דִי וֶועג פוּן פְּרִישׁוּת, דָאס אִיז נִישְׁט בְּרֶסְלֶב, דָאס אִיז אוֹיסְגֶעטְרַאכְט אַלֵיינְס. דֶער רֶבִּי הָאט אוּנְז גֶעלֶערְנְט מִיר זָאלְן לֶעבְּן מִיט דִי תּוֹרָה, לֶעבְּן מִיטְן שֻׁלְחָן עָרוּךְ; אַז דוּ וֶועסְט וַוייטֶער גֵיין אוֹיף דֶעם וֶועג - וֶועט זַיין אַ גֶט, דוּ וֶועסְט פַאלְן אִין טִיפְן אָפְּגְרוּנְד.

בֶּעט אִיבֶּער דַיין וַוייבּ, דוּ בִּיסְט עוֹבֵר אוֹיף שְׁוֶוערֶע לַאוִין, אוּן לֶעבּ מִיט אִיר. גֶעבּ אַכְטוּנְג פוּן דִי וָואס פַארְדְרֵייעֶן דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּינְ׳ס וֶוערְטֶער, דֶער רֶבִּי וִויל מִיר זָאלְן לֶעבְּן מִיט דִי תּוֹרָה אוּן אַזוֹי זִיךְ צוּקְלֶעבְּן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

אִיךְ דַארְף מְקַצֵּר זַיין.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

**הֶער אוֹיף מֶעסְטְן דַיין וַוייבּ אוֹיבּ זִי אִיז אַזוֹי גוּט וִוי דַיין מַאמֶע**

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב׳ פַּרְשַׁת שְׁמוֹת, ט״ז טֵבֵת, שְׁנַת תשפ״ג לִפְרָט קָטָן

**לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

טַייעֶרֶער בְּרוּדֶער, הַארְצִיגֶער חָבֵר, אִיךְ בֶּעט דִיר זֵייעֶר הָאבּ סַבְלָנוּת אִין שְׁטוּבּ, טַעֲנָה נִישְׁט מִיט דַיין וַוייבּ, אוּן אַז זִי שְׁרֵייט אוֹיף דִיר אוּן זִי זִידְלְט דִיר - זָאלְסְטוּ חַס וְשָׁלוֹם עֶנְטְפֶערְן, נָאר שְׁוַוייגְן אוּן מְקַבֵּל זַיין אַלֶעס בְּאַהֲבָה. הֶער אוֹיס וָואס טוּט אִיר וֵויי, אוּן אַז זִי שְׁרֵייט אַז דוּ קוּמְסְט אַהֵיים שְׁפֶּעט פוּן הַפָּצָה - זָאלְסְטוּ זִיךְ נִישְׁט אוֹיסְלַאכְן, זָאלְסְט אַהֵיים קוּמֶען פְרִיעֶר. יֶעצְט אִיז זִי מִיט פִּיצְלֶעךְ קְלֵיינֶע קִינְדֶער - אִיז אִיר זֵייעֶר שְׁוֶוער אַז דוּ קוּמְסְט אַהֵיים שְׁפֶּעט. שְׁפֶּעטֶער אִין לֶעבְן, וֶוען דוּ וֶועסְט הָאבְן גְרוֹיסֶע קִינְדֶער - וֶועסְטוּ קֶענֶען קוּמֶען אַבִּיסְל שְׁפֶּעטֶער, עֶס וֶועט אִיר זַיין גְרִינְגֶער אָן דִיר.

דָאס וָואס דוּ שְׁרַייבְּסְט מִיר אַז דוּ הָאסְט קֵיינְמָאל נִישְׁט גֶעהֶערְט דַיין טַאטֶע מַאמֶע שְׁרֵייעֶן אוּן נָאר נָאךְ דַיין חֲתוּנָה הָאסְטוּ דָאס גֶעזֶען בַּיי דַיין שְׁוִוגֶער וְכוּ׳ אוּן יֶעצְט מִיט דַיין וַוייבּ וְכוּ׳; זוּךְ נִישְׁט אַז דַיין וַוייבּ זָאל זַיין אַזוֹי וִוי דַיין מַאמֶע, הֶער אוֹיף מֶעסְטְן דַיין וַוייבּ אוֹיבּ זִי אִיז דִיר אַזוֹי גוּט וִוי דַיין מַאמֶע. דַיין וַוייבּ אִיז זֵייעֶר אַ טֵייעֶרֶע פְרוֹי, אוּן אַז זִי שְׁרֵייט - אִיז אַ סִימָן אַז עֶפֶּעס טוּט אִיר וֵויי, זָאלְסְטוּ אִיר אוֹיסְהֶערְן.

מֶען וֶוערְט נִישְׁט אַ מֶענְטְל-קֶעיס אוֹיבּ מֶען שְׁרֵייט אָדֶער מֶען פַארְלִירְט זִיךְ וְכוּ׳; אַז זִי הָאט צֶעבְרָאכְן דַיין טֶעלֶעפָאן מוּז זַיין אַז עֶפֶּעס שְׁטַארְק בַּאדֶערְט אִיר, זִי הָאט זִיךְ פַארְלוֹירְן אוּן צֶעבְרָאכְן דַיין טֶעלֶעפָאן וְכוּ׳. בֶּעט אִיר אִיבֶּער, רֶעד צוּ אִיר שֵׁיינֶע וֶוערְטֶער. גֶעבּ אִיר צַייט; גֶעבּ אִיר צוּ שְׁפִּירְן וִוי זִי אִיז דִיר זֵייעֶר טֵייעֶר.

אִיךְ קוּם בְּקָרוֹב קַיין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל, אִיךְ וֶועל רֶעדְן מִיט דִיר פֶּערְזֶענְלִיךְ.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

**דִי מֵיידְלֶעךְ רֶעדְן נָאר דִי הֵיילִיגֶע שְׁפְּרַאךְ אִידִישׁ**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב' פַּרְשַׁת שְׁמוֹת, ט"ז טֵבֵת, שְׁנַת תשפ"ג לִפְרָט קָטָן
**מָרַת ... תִּחְיֶ', לֶערֶערִין אִין בֵּית פֵיגָא יְרוּשָׁלַיִם**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אַייעֶר בְּרִיוו.

אִיךְ הָאבּ הַנָאָה צוּ הֶערְן אַלֶע אֵיינְצֶעלְהֵייטְן פוּן שׁוּלֶע.

אִיךְ פְרֵיי זִיךְ זֵייעֶר אַז דִי מֵיידְלֶעךְ וָואס זֶענֶען אַרַיינְגֶעקוּמֶען אִין שׁוּלֶע אָן קֶענֶען אִידִישׁ - קֶענֶען שׁוֹין אַ גוּטֶע אִידִישׁ, אוּן אַלֶע רֶעדְן נָאר דִי הֵיילִיגֶע שְׁפְּרַאךְ אִידִישׁ.

אִיךְ הָאף צוּ קוּמֶען קַיין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל קוּמֶענְדִיגֶע וָואךְ אוּן קוּמֶען אִין בֵּית פֵיגָא.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

**אַ וַוייבּ קֶען מֶען נִישְׁט אוֹיסְשְׁפִּילְן, דוּ שְׁפִּילְסְט זִיךְ אַלֵיין אוֹיס**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב' פַּרְשַׁת שְׁמוֹת, ט"ז טֵבֵת, שְׁנַת תשפ"ג לִפְרָט קָטָן
**לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

דַיין וַוייבּ זָאגְט אַז דִי לֶעצְטֶע שְׁטִיק צַייט אִיז זִי מַמָּשׁ נִישְׁט בַּיי זִיךְ, זִי זֶעט אִין דַיין טֶעלֶעפָאן אַז דוּ הָאסְט דָארְט אַן עֶפֶּס פוּן זִיךְ טְרֶעפְן מִיט אַנְדֶערֶע הַשֵּׁם יִשְׁמְרֵינוּ; זִי אִיז נִישְׁט רוּאִיג, זִי וֵויינְט זֵייעֶר.

אִיךְ בֶּעט דִיר זֵייעֶר, פָאלְג דִי דְרָשׁוֹת, דִי שִׁיעוּרִים - וָואס דוּ הָאסְט גֶעהֶערְט אַלֶע יָארְן אִין יְשִׁיבָה, אַ שָׁאד דַיין שֵׁיינֶע שְׁטוּבּ וָואס דוּ הָאסְט קוֹים אָנְגֶעהוֹיבְּן בּוֹיעֶן זָאל וֶוערְן אוֹיס. וַוייל אַ וַוייבּ קֶען מֶען נִישְׁט אוֹיסְשְׁפִּילְן, מֶען קֶען זִיךְ אַלֵיינְס אוֹיסְשְׁפִּילְן, אָבֶּער אִיר קֶען מֶען נִישְׁט אוֹיסְשְׁפִּילְן; אִין אָנְהוֹיבּ שְׁפִּילְן זֵיי מִיט, אָבֶּער בַּיים סוֹף פְּלַאצְט דָאס.

אִיךְ בֶּעט דִיר זֵייעֶר, לָאז זִיךְ אָפּ פוּן דֶעם נַארִישְׁן טֶעלֶעפָאן, דוּ בִּיסְט אַ קְלוּגֶער אִינְגֶערְמַאן, דוּ בִּיסְט נִישְׁט קַיין קְלֵיינֶע קָאפּ. אִיךְ זֶע אִין יְשִׁיבָה צְוִוישְׁן דִי בָּחוּרִים, דִי נִישְׁט קְלוּגֶע וֶוערְן פַארְ'כִּישׁוּף'ט פַאר אַ טֶעלֶעפָאן,

פַאר קוּקְן מָאוִויס, קוּקְן סְפָּארְטְס; דוּ בִּיסְט אַ בַּר דַּעַת, דוּ קֶענְסְט נֶעמֶען אַ חַבְרוּתָא, אוֹיסְנוּצְן דַיינֶע יוּנְגֶע יָארְן מִיט לֶערְנֶען אוּן דַאוֶוענֶען.

דַיין וַוייבּ וֵויינְט, זִי ווִיל וַוייטֶער בּוֹיעֶן מִיט דִיר דִי שְׁטוּבּ, זִי ווִיל וַוייטֶער אוֹיפְצִיעֶן דִי קִינְדֶער; זִי אִיז גְרֵייט מִיט דִיר וַוייטֶער צוּ לֶעבְּן, זִי קוּקְט דִיךְ נִישְׁט אַרָאפּ, זִי אִיז אָבֶּער זֵייעֶר דֶערְשְׁרָאקְן.

אִיךְ הָאבּ אִיר גֶעזָאגְט אִיךְ וֶועל רֶעדְן מִיט דִיר, אִיךְ וַוארְט צוּ הֶערְן אִיר צוּ עֶנְטְפֶערְן.

...

## דָאס לֶעבְּן פִירְט מֶען מִיט דִי תּוֹרָה, אַזוֹי וִוי דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער ווִיל

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב׳ פַּרְשַׁת שְׁמוֹת, ט״ז טֵבֵת, שְׁנַת תשפ״ג לִפְרָט קָטָן

מָרַת ... תִּחְיֶ׳

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אַייעֶר בְּרִיוו.

אִיךְ פְרֵיי זִיךְ זֵייעֶר צוּ הֶערְן אַז עֶס אִיז דָא צְווִישְׁן אַייךְ אוּן אַייעֶר מַאן שָׁלוֹם אוּן לִיבְּשַׁאפְט, וַוייל נָאר דָארְט וואוּ עֶס אִיז דָא שָׁלוֹם רוּט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער. חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (שַׁבָּת י.) דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְנְ׳ס נָאמֶען אִיז שָׁלוֹם.

בְּנוֹגֵעַ וְכוּ׳; וַוארְטְס נָאךְ אַבִּיסְל, וַוארְטְס נָאךְ אַ הַאלְבֶּע יָאר; אַזוֹי וֶועט אִיר הָאבְּן כֹּחַ פַאר דִי קִינְדֶער.

יָא הָאבְּן קִינְדֶער אָדֶער נִישְׁט הָאבְּן קִינְדֶער - הָאט נִישְׁט צוּטוּן וָואס מֶענְטְשְׁן וֶועלְן זָאגְן. דָאס לֶעבְּן אִיז נִישְׁט גֶעוָואנְדְן וָואס מֶענְטְשְׁן זָאגְן אוּן וֶועלְן זָאגְן, דָאס לֶעבְּן פִירְט מֶען מִיט דִי תּוֹרָה, אַזוֹי וִוי דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער ווִיל, אוּן דִי תּוֹרָה זָאגְט אַז מֶען זָאל רֶעדְן מִיט אַ רָב אוּן עֶר זָאל זָאגְן אוֹיבּ מֶען אִיז בְּכֹחַ אָדֶער מֶען זָאל וַוארְטְן.

וִוי אַזוֹי בַּאקוּמְט מֶען דִי שְׁטַארְקֵייט צוּ לֶעבְּן פַאר זִיךְ אוּן עֶס זָאל נִישְׁט אָנְגֵיין וָואס מֶענְטְשְׁן זָאגְן? דוּרְךְ תְּפִלָּה וְהִתְבּוֹדְדוּת; דוּרְךְ רֶעדְן אוּן שְׁמוּעֶסְן

מִיטְן אֵייבֶּערְשְׁטְן. וֶוען מֶען שְׁמוּעֶסְט מִיטְן אֵייבֶּערְשְׁטְן, מֶען דַאנְקְט אִים, מֶען לוֹיבְּט אִים - דָאס מַאכְט דֶעם מֶענְטְשׁ שְׁטַארְק; מֶען בַּאקוּמְט אַ שְׁטַארְקֶע קְלָארְקֵייט, עֶס שְׁטֶערְט נִישְׁט וָואס דֶער זָאגְט אוּן וָואס יֶענֶער זָאגְט.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

### דָאס גְרוֹיסְקֵייט פוּן הֵיילִיגְן קְדוּשַׁת לֵוִי זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ

**[דֶער בְּרִיוו שְׁרַייבְּט דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א צוּ אֵיינֶער וָואס הָאט אַרַיינְגֶעשִׁיקְט דֶעם פָאלְגֶענְדְן בְּרִיוו צוּם 'קְרִיַּת בְּרֶסְלֶב בְּלֶעטְל' אוֹיסְגַאבֶּע:**

לִכְבוֹד חַבְרֵי הַמַּעֲרֶכֶת הַחֲשׁוּבָה שֶׁיִּחְיוּ,

אִיךְ הָאף אַז דָאס וָואס מֶען הָאט גֶעשְׁרִיבְּן אִינֶעם גִלְיוֹן (אִינֶעם בְּלֶעטְל וָואס אִיז הָאב דָא מִיטְגֶעשִׁיקְט) אִיז גֶעוֶוען אַ טָעוּת, ווייל אִיךְ מֵיין אַז וֶוען מֶען רֶעדְט פוּנֶעם הֵיילִיגְן בַּארְדִיטְשׁוּבֶער רַב זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ - וָואס מִיר הָאבְּן קַיין שׁוּם שׁוּם מִינְדֶעסְטֶע הַשָּׂגָה אִין אִים - אִיז רַחְמָנָא לִצְלָן צוּ שְׁרַייבְּן אַז בַּיים בַּארְדִיטְשׁוּבֶער רַב אִיז דִי גַאנְצֶע חֲסִידוּת גֶעוֶוען פַארְבְּרֶענְגֶען דִי צַייט אוּן קוֹיפְּן בֵּייגְל, רַחְמָנָא לִצְלָן צוּ שְׁרַייבְּן אַזַא זַאךְ (דִי הַאנְט צִיטֶערְט מִיר נָאר בַּיים נָאכְשְׁרַייבְּן דִי וֶוערְטֶער).

מֶען רֶעדְט דָא נִישְׁט פוּן קַיין אַבִּי-וֶוער, מֶען רֶעדְט דָא פוּן שַׂרְפֵי מַעְלָה; וֶוער וַואגְט זִיךְ צוּ שְׁרַייבְּן אַזוֹינֶע וֶוערְטֶער, ווייל מֶען וויל גְרוֹיס מַאכְן אֵיינֶעם?! מֶען קֶען שְׁרַייבְּן אַז דֶער הֵיילִיגֶער מְהַלֵּךְ אִיז נִישְׁט גֶעוֶוען פַאר אִים, אִים הָאט גֶעצוֹיגְן עֶפֶּעס אַנְדֶערְשׁ, אָבֶּער צוּ שְׁרַייבְּן מִיט אַזַא זִלְזוּל...

אִיךְ ווייס נִישְׁט וָואס צוּ טְרַאכְטְן, אִיז קֶען דָאס נִישְׁט גְלֵייבְּן אוֹיף אַזַא עֶרְלִיכֶע אוֹיסְגַאבֶּע, אוֹיף אִידְן וָואס זֶענֶען אוֹיפְגֶעוַואקְסְן אִין חֲסִידִי'שֶׁע הֵיימֶען; חֲכָמִים הִזָּהֲרוּ בְּדִבְרֵיכֶם, עֶס אִיז אַ שְׁפִּיל מִיט פֵייעֶר].

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב' פָּרָשַׁת שְׁמוֹת, ט"ז טֵבֵת, שְׁנַת תשפ"ג לִפְרָט קָטָן**

**לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

חַס וְחָלִילָה צוּ זָאגְן אַזֶעלְכֶע וֶוערְטֶער אוֹיפְ'ן הֵיילִיגְן צַדִּיק דֶער קְדוּשַׁת לֵוִי זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ.

ווי שֶׁעמְט אִיר זִיךְ נִישְׁט צוּ שְׁרַייבְּן אַז דֶער הֵיילִיגֶער קְדוּשַּׁת לֵוִי הָאט פַארבְּרֶענגְט דִי צַייט, וֶוען מֶען רֶעדְט פוּן דֶעם גְרוֹיסְן צַדִּיק דֶער הֵיילִיגֶער בַּארְדִיטְשׁוּבֶער רָב וָואס דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט מֵעִיד גֶעוֶוען פַאר רֶבִּי נָתָן זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ (חַיֵּי מוֹהֲרַ"ן, סִימָן תקצט) בְּזֶה הַלָּשׁוֹן: "דָאס וֶוייסְטוּ נִישְׁט אַז דֶער בַּארְדִיטְשׁוּבֶער רָב זָאגְט 'דֶער בּוֹרֵא' שְׁפְּרִיצְט אִיהם פֵייעֶר פוּן דִיא אוֹיגְן".

אוֹיךְ הָאט דֶער רֶבִּי גֶעהֵייסְן בּוֹדֵק זַיין זַיינֶע תְּפִילִין וֶוען דֶער הֵיילִיגֶער בַּארְדִיטְשׁוּבֶער רָב אִיז גֶעוֶוען אוּנְטֶערְוֶועגְנְס. דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט (שָׁם, סִימָן ער): "הָרַב מִבַּרְדִיטְשׁוּב הוּא גָּדוֹל בְּעֵינַי מְאֹד", אִיךְ הַאלְט זֵייעֶר פוּן הֵיילִיגְן קְדוּשַּׁת לֵוִי, אוּן אַז אַזַא גָּדוֹל אִיז אוּנְטֶערְוֶועגְנְס אוּן מֶען אִיז אִים נִישְׁט גֶעהֶערִיג מְכַבֵּד - אִיז דָאס אַ פְּגַם אִין דִי תְּפִילִין.

אוֹיךְ הָאט דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי נָתָן זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ זַיין אַ שְׁטִיק צַייט בַּיים הֵיילִיגְן קְדוּשַּׁת לֵוִי זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ. עֶס אִיז בַּאוְוּסְט אַז דֶער קְדוּשַּׁת לֵוִי הָאט אִים זֵייעֶר לִיב גֶעהַאט, עֶר פְלֶעגְט אִים רוּפְן: "מַיין נָתָן'לֶע".

וֶוער רֶעדְט אוֹיפְ'ן הֵיילִיגְן קְדוּשַּׁת לֵוִי? וָואס שְׁטֵייט דָא?! מִיר דֶערְצֵיילְן בְּסַךְ הַכֹּל ווי אַזוֹי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי נָתָן הָאט גֶעשְׁפִּירְט אֵיידֶער עֶר אִיז אָנְגֶעקוּמֶען צוּם רֶבִּי'ן. עֶר הָאט גֶעשְׁפִּירְט בַּיי זִיךְ ווי עֶפֶּעס פֶּעלְט אִים, עֶר אִיז גֶעוֶוען בַּיי זִיךְ זֵייעֶר צֶעבְּרָאכְן, וַיְהִי הַיּוֹם, אֵיין וָואךְ מוֹצָאֵי שַׁבָּת קוֹדֶשׁ אִיז עֶר גֶעשְׁטֶעלְט גֶעוָוארְן צוּ גֵיין קוֹיפְן בֵּייגֶל פַאר סְעוּדַת מְלַוֶּה מַלְכָּה, דֶער סֵדֶר אִיז גֶעוֶוען אַז מֶען הָאט גֶעמַאכְט אַ גוֹרָל יֶעדֶע מוֹצָאֵי שַׁבָּת וֶוער עֶס זָאל אָנְגְרֵייטְן דִי מְלַוֶּה מַלְכָּה, אוּן וֶוען רֶבִּי נָתָן הָאט זוֹכֶה גֶעוֶוען אִינֶעם גוֹרָל, גֵייעֶנְדִיג קוֹיפְן דִי בֵּייגְל - אִיז עֶר זֵייעֶר צֶעבְּרָאכְן גֶעוָוארְן, עֶר הָאט גֶעטְרַאכְט: 'אִיךְ בִּין בַּאשַׁאפְן גֶעוָוארְן צוּ קוֹיפְן בֵּייגְל?!'

עֶר אִיז אַרַיין אִין אַ שׁוּל אִין עֶזְרַת נָשִׁים, עֶר הָאט גֶענוּמֶען אַ תְּהִלִּים אוּן אָנְגֶעהוֹיבְּן זָאגְן תְּהִלִּים מִיט גְרוֹיס צֶעבְּרָאכְנְקֵייט, בִּיז עֶר הָאט אַיינְגֶעדְרִימְלְט. עֶר חָלוֹמְ'ט זִיךְ ווי עֶר קְרִיכְט אַרוֹיף אוֹיף אַ לֵייטֶער אוּן עֶר הַאלְט אִין אֵיין אַרָאפְּפַאלְן, אוּן אֵיינֶער שְׁרֵייט פוּן אוֹיבְן: "נָתָן, דְרַאפֶּע זִיךְ אוּן דֶערְהַאלְט זִיךְ". שְׁפֶּעטֶער וֶוען רֶבִּי נָתָן אִיז גֶעקוּמֶען צוּם רֶבִּי'ן אוּן גֶעזֶען דִי צוּרָה פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן, הָאט עֶר גֶעזֶען אַז דֶעם צוּרָה הָאט עֶר גֶעזֶען אִין חָלוֹם.

וֶוער אִיז מְבַטֵּל? וֶוער בּוֹיט זִיךְ אוֹיף אַנְדֶערְע? וֶוער מַאכְט אַוֶועק אַנְדֶערְע?! חַס וְשָׁלוֹם מְבַטֵּל זַיין דֶעם הֵיילִיגְן קְדוֹשַׁת לֵוִי זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ; וֶוער אִיז נָאךְ גֶעוֶוען אַזוֹי נָאנְט צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן ווִי דֶער הֵיילִיגֶער קְדוּשַׁת לֵוִי? דֶער הֵיילִיגֶער קְדוּשַׁת לֵוִי הָאט גֶעזָאגְט: "וֶוען אִיךְ וָואלְט וֶוען גֶעווִיסְט אַז אִיךְ וֶועל פּוֹעֵלְ'ן - וָואלְט אִיךְ גֶעלָאפְן אִין דִי גַאסְן שְׁרַייעֶן 'וֶוער עֶס ווִיל זַיין אַן עֶרְלִיכֶער אִיד זָאל זִיךְ מְקָרֵב זַיין צוּ רֶבִּי נַחְמָנְ'ן'"; נָאךְ הָאט עֶר גֶעזָאגְט: "וואוּ אִיךְ זֶע עֶפֶּעס גוּטְס - אִיז יֶענֶער מְקוֹרָב צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּי נַחְמָן".

...

## אַ בַּאזוּךְ אִין קִרְיַת יוֹאֵל אוּן אִין קִרְיַת בְּרֶסְלֶב

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג' פַּרְשַׁת שְׁמוֹת, י"ז טֵבֵת, שְׁנַת תשפ"ג לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

הַיינְט בִּין אִיךְ נִישְׁט גֶעוֶוען אִין יְשִׁיבָה, אִיךְ בִּין גֶעפָארְן קַיין קִרְיַת יוֹאֵל צוּ אַ בְּרִית בַּיי הָאַבְרֵךְ אַבְרָהָם שַׁבְּתַי נֵרוֹ יָאִיר, דֶער בְּרִית אִיז גֶעוֶוען אִין בֵּית הַמֶּדְרָשׁ הֵיכַל הַקּוֹדֶשׁ - בֵּית נְתַנְאֵל. מִיר הָאבְן בְּטָעוּת אַרַיינְגֶעלֵייגְט דִי נָאמֶען פוּן דִי גַאס, אָבֶּער עֶס אִיז דָא נָאךְ אַ גַאס וָואס הָאט דִי נָאמֶען אִין אַ פַארְקֶערְטֶע פְּלַאץ, מִיר זֶענֶען אָנְגֶעקוּמֶען שְׁפֶּעטֶער מִיט אַ שָׁעָה. מִיר הָאבְּן גֶעדַאוֶוענְט, אוּן נָאכְן בְּרִית בַּיי דִי סְעוּדָה הָאבְּן מִיר גֶערֶעדְט פוּן דִי גְרוֹיסְקֵייט פוּן אַ בְּרִית מִילָה, אוּן אוֹיךְ דִי גְרוֹיסְקֵייט פוּן דִי טֶעג פוּן שׁוֹבָבִי"ם וָואס מִיר אַלֶע זֶענֶען עוֹסֵק זִיךְ צוּ מַלְ'ן, "וּמָל ה' אֱלֹקֶיךָ אֶת לְבָבְךָ" (דְּבָרִים ל, ו); ווִי אַזוֹי קֶענֶען מִיר אוֹיפְשְׁטָאפְּן אוּנְזֶער הַאֶרְץ? דוּרְךְ תּוֹרָה וּתְפִלָּה, דוּרְךְ לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג אַבִּיסְל חוּמָשׁ אַיינְגֶעטֵיילְט אוֹיף דִי וָואךְ, אוּן אוֹיךְ מִשְׁנָיוֹת אוּן גְמָרָא; דָאס אִיז מְטַהֵר דֶעם מֶענְטְשׁ.

הַיינְט אִיז מִיר נִישְׁט גְרִינְג צוּ פָארְן צוּ אַלֶע שִׂמְחוֹת, דִי קְהִילָה וַואקְסְט קַיין עַיִן הָרָע, יֶעדְן טָאג אִיז דָא שִׂמְחוֹת, אָבֶּער הַכָּרַת הַטּוֹב הָאבּ אִיךְ גֶעלֶערְנְט בַּיי מוֹהֲרָא"שׁ זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ. דֶערְפַאר בִּין אִיךְ גֶעפָארְן, וַוייל דֶער

אִינְגֶערְמַאן, דֶער בַּעַל הַבְּרִית - הָאט מִיר גֶעהָאלְפְן אִין דִי שְׁוֶוערֶע צַייטְן בַּיים עֶפֶענֶען דִי יְשִׁיבָה, עֶר הָאט גֶעבּוֹיט דִי יְשִׁיבָה אִין ווִילְיַאמְסְבּוּרְג, און אוֹיךְ אַלֶע יָארְן דִי קֶעמְפְּס פַּאר דִי יְשִׁיבָה, און בִּפְרַט יֶעצְט מִיטְן בּוֹיעֶן דִי שְׁטֶעטְל קִרְיַת בְּרֶסְלֶב אִין לִיבֶערְטִי, עֶר הֶעלְפְט מִיר זֵייעֶר שְׁטַארְק; אִיז אַלְס הַכָּרַת הַטּוֹב בִּין אִיךְ גֶעגַאנְגֶען צוּ זַיין שִׂמְחָה.

אוֹיךְ בִּין אִיךְ גֶעגַאנְגֶען צוּם חֵדֶר אִין קִרְיַת יוֹאֵל; וָואס זָאל אִיךְ דִיר זָאגְן, אִיךְ בִּין אַזוֹי מְקַנֵא דִי קִינְדֶער, זֵיי וֶועלְן קֵיינְמָאל נִישְׁט ווִיסְן וָואס זֵיי הָאבְן און וָואס זֵיי שְׁפָּארְן אַיין. זִיצְט דָארְט מִיט זֵיי צְוֵויי דְרֵיי מְלַמְדִים, גָאלְדֶענֶע אִינְגֶעלַייט, הֶערְצֶער פוּן פּוּטֶער; ווִי זֵיי רֶעדְן צוּ דִי יוּנְגֶע שֶׁעפֶעלֶעךְ, ווִי זֵיי הָאבְן סַבְלָנוּת צוּ זֵיי - דָאס קֶען מֶען נִישְׁט מַסְבִּיר זַיין.

אֵיינֶער זָאגְט מִיר: "אִיךְ שִׁיק נִישְׁט אִין חֵדֶר דָא אִין קִרְיַת יוֹאֵל, עֶס אִיז נִישְׁט קַיין חֵדֶר, עֶס הָאט נִישְׁט קַיין פָּנִים פוּן אַ חֵדֶר"; וָואס זָאל אִיךְ אִים זָאגְן? וָואס אִיז אַ חֵדֶר? אַ שֵׁיינֶע בִּנְיָן? אַ גְרוֹיסֶע כִּתָּה? אַ חֵדֶר אִיז אַ מְלַמֵד מִיט אַ וַוייכֶע הַארְץ, מִיט גֶעדוּלְד - זִיצְט מִיט דִי קִינְדֶער און לֵייגְט אַרַיין אִין זֵיי יִרְאַת שָׁמַיִם, לֶערְנְט מִיט זֵיי תּוֹרָה, דָאס אִיז דִי חֵדֶר; אַז דוּ ווִילְסְט דָאס אָנְטוּן מִיט אַ שֵׁיינֶע בִּנְיָן - קֶענְסְטוּ דָאס טוּן, אָבֶער נִישְׁט דָאס אִיז קוֹבֵעַ אַ חֵדֶר; וָואס הָאט מֶען פוּן אַ שֵׁיינֶע אָנְטוּן וֶוען אִינֶעוֵוייניג אִיז פַארְפוֹילְט הַשֵּׁם יִשְׁמְרֵינוּ...

אִיךְ גֶעדֶענְק יָארְן צוּרִיק, מַיין טָאכְטֶער אִיז גֶעוֶוען אַ קְלֵיינֶע מֵיידְל, פְלֶעגְט זִי אַהֵיים קוּמֶען זָאגְן אַז דִי שְׁכֵנִים שְׁפֶּעטְן פוּן בֵּית פֵיגָא, מֶען לַאכְט פוּן אִיר אַז זִי אִיז אַ נֶעבֶעךְ, אַז זִי הָאט אִין אִיר קְלַאס נָאר זִיבְן מֵיידְלֶעךְ. אִיךְ פְלֶעג אִיר זָאגְן: "וֶוען מֶען פְרֶעגְט דִיךְ ווִיפִיל קִינְדֶער לֶערְנֶען בַּיי דִיר אִין שׁוּלֶע, זָאג 'אֵיין מֵיידְל, נָאר אִיךְ מִיט מַיין לֶערֶערִין'"; וַוייל וָואס אִיז אַ גוּטֶע שׁוּלֶע? אִיז דָאס גֶעוָואנְדְן ווִיפִיל קִינְדֶער עֶס זֶענֶען דָא? אִיז דָאס גֶעוָואנְדְן אוֹיבּ עֶס זֶעט אוֹיס מֶעכְטִיג? אַ גוּטֶע שׁוּלֶע אִיז אַ לֶערֶערִין וָואס פַארְשְׁטֵייט דָאס קִינְד, אַ לֶערֶערִין וָואס קְלַאפְּט נִישְׁט אַרָאפּ דָאס קִינְד, וָואס מַאכְט נִישְׁט דָאס קִינְד פַאר אַ מֶענְטְל-קֶעיס.

פון דָארְט בִּין אִיךְ גֶעגַאנְגֶען צוּ בֵּית פֵיגָא אִין מָאנְרָא; אַזוֹי גֶעשְׁמַאק צוּ זֶען ווִי עֶס זֶענֶען דָא וַוייבְּלֶעךְ פון אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ וָואס לֶערְנֶען מִיט הָאֶרֶץ מִיט דִי קִינְדֶער, מֶען לֵייגְט אַרַיין אִין דִי קִינְדֶער אַ גֶעשְׁמַאק אִין זַיין אַ אִיד, אַ גֶעשְׁמַאק אִין זִיךְ אָנְטוּן אֵיידְל.

פון דָארְט בִּין אִיךְ גֶעפָארְן אִין שְׁטֶעטְל, אִיךְ בִּין גֶעגַאנְגֶען בַּאזוּכְן אוּנְזֶער בֵּית הַדְפוּס. דָארְט הָאט מֶען מִיר גֶעווִיזְן דֶעם נֵייעֶם קוּנְטְרֵס שְׂפָתַי תִּפְתָּח, אַ פֵּירוּשׁ אוֹיף לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן דִי עֶרְשְׁטֶע חֵלֶק דִי צְוֵייטֶע תּוֹרָה. אִיךְ הָאבּ זִיךְ אַזוֹי גֶעפְרֵיידְט דָאס צוּ זֶען, וַוייל דָאס וֶועט זַיין אַ גְרוֹיסֶע זַאךְ פַאר דִי וָואס פַארְשְׁטֵייעֶן נִישְׁט קַיין לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן אוּן קוּקְן אָן דֶעם סֵפֶר ווִי אַ מַאֲמָר סָתוּם, וֶועלְן זֵיי קֶענֶען אַבִּיסְל טוֹעֵם זַיין פון הֵיילִיגְן רֶבִּינְ'ס עֵצוֹת אוּן וֶוערְן נָאנְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

אִיךְ בִּין פון דָארְט גֶעגַאנְגֶען צוּם חֵדֶר דַאוֶונֶען מִנְחָה מִיט דִי קִינְדֶער, אִיךְ הָאבּ גֶערֶעדְט צוּ דִי קִינְדֶער פון מְוַתֵּר זַיין. אִיךְ הָאבּ זֵיי דֶערְצֵיילְט וָואס חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה דֶערְצֵיילְן (תַּעֲנִית כה:): "מַעֲשֶׂה בְּרַבִּי אֱלִיעֶזֶר שֶׁיָּרַד לִפְנֵי הַתֵּבָה וְאָמַר כ"ד בְּרָכוֹת וְלֹא נַעֲנָה", עֶס אִיז גֶעוֶוען אַמָאל אַ טְרוּקֶענִישׁ, מֶען הָאט גֶעמַאכְט אַ תַּעֲנִית אוּן רֶבִּי אֱלִיעֶזֶר אִיז גֶעוֶוען דֶער שְׁלִיחַ צִיבּוּר, עֶר הָאט גֶעזָאגְט דִי פִיר אוּן צְוָואנְצִיג בְּרָכוֹת וָואס דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים הָאבְּן מְתַקֵּן גֶעוֶוען צוּ זָאגְן בַּיי אַ יוֹם תַּעֲנִית, אוּן עֶס אִיז נָאכְאַלְץ נִישְׁט גֶעקוּמֶען קַיין רֶעגְן, "יָרַד רַבִּי עֲקִיבָא אַחֲרָיו וְאָמַר: 'אָבִינוּ מַלְכֵּנוּ אֵין לָנוּ מֶלֶךְ אֶלָּא אָתָּה, "אָבִינוּ מַלְכֵּנוּ לְמַעַנְךָ רַחֵם עָלֵינוּ', וְיָרְדוּ גְּשָׁמִים", הָאט רֶבִּי עֲקִיבָא מִתְפַּלֵּל גֶעוֶוען אוּן גֶעזָאגְט: "אָבִינוּ מַלְכֵּנוּ אֵין לָנוּ מֶלֶךְ אֶלָּא אַתָּה, אָבִינוּ מַלְכֵּנוּ לְמַעַנְךָ רַחֵם עָלֵינוּ", אוּן עֶס הָאט גְלַייךְ אָנְגֶעהוֹיבְּן רֶעגֶענֶען. הָאט מֶען אָנְגֶעהוֹיבְּן רֶעדְן שְׁלֶעכְטְ'ס אוֹיף רֶבִּי אֱלִיעֶזֶר, וַוייל מֶען הָאט גֶעזֶען אַז וֶוען רֶבִּי עֲקִיבָא הָאט מִתְפַּלֵּל גֶעוֶוען אִיז גְלַייךְ גֶעקוּמֶען רֶעגְן, אוּן וֶוען עֶר הָאט גֶעבֶּעטְן אִיז נִישְׁט גֶעקוּמֶען רֶעגְן. אִיז אַרוֹיס אַ 'בַּת קוֹל' פון הִימְל אוּן אוֹיסְגֶערוּפְן: 'נִישְׁט וַוייל רֶבִּי עֲקִיבָא אִיז גְרֶעסֶער פון רֶבִּי אֱלִיעֶזֶר הָאט מֶען אָנְגֶענוּמֶען זַיינֶע תְּפִילוֹת, נָאר וַוייל רֶבִּי עֲקִיבָא אִיז אַ וַתְּרָן, עֶר אִיז

מַעֲבִיר עַל מִדּוֹתָיו׳, און וֶועט עֶס גֶעבְּט נָאךְ און עֶר קְרִיגְט זִיךְ נִישְׁט, אֲפִילוּ וֶוען עֶר אִיז גֶערֶעכְט - הֶעלְפְט אִים דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער און מֶען גֶעבְּט אִים נָאךְ וָואס עֶר דַארְף.

אוֹיךְ הָאבּ אִיךְ זֵיי דֶערְצֵיילְט דִי מַעֲשֶׂה וָואס דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים דֶערְצֵיילְן (שָׁם) אַז בִּזְכוּת אַ פְּרוּי וָואס הָאט גֶעטוּן חֶסֶד מִיט אִירֶע שְׁכֵנִים - אִיז גֶערַאטֶעוֶועט גֶעוָוארְן אַ גַאנְצֶע שְׁטָאט פוּן אַ שְׂרֵפָה; זֶעט מֶען אַז אוֹיבּ מֶען אִיז מְוַתֵּר אֵיינֶער דֶעם צְוֵוייטְן - וֶוערְט מֶען גֶערַאטֶעוֶועט פוּן שְׁלֶעכְטְס.

אִיךְ בִּין אוֹיךְ גֶעוֶוען אִין בֵּית פֵּיגָא און אוֹיךְ אִין כּוֹלֵל.

אִיךְ הָאבּ זִיךְ זֵייעֶר אַהֵיים גֶעיָאגְט צוּ דִי חֲתוּנָה אִין יְשִׁיבָה; הַיינְט נַאכְט אִיז דָא אַ חֲתוּנָה אִין יְשִׁיבָה, אַ תַּלְמִיד הַיְשִׁיבָה און אַ תַּלְמִידָה פוּן בֵּית פֵּיגָא.

אִיךְ וֶועל דִיר נָאךְ שְׁרַייבְּן. אִיךְ בֶּעט דִיר זֵייעֶר, כַּאפּ זִיךְ מִיט יֶעצְט שׁוֹבָבִי"ם צוּ מְתַקֵּן זַיין אַלֶעס וָואס מֶען דַארְף פַארֶעכְטְן, יֶעצְט אִיז אַ צַייט פוּן תִּיקוּן הַבְּרִית. דָאס עֶרְשְׁטֶע זַאךְ זָאלְסְטוּ אָנְהוֹיבְּן רֵיינִיגְן דַיינֶע אוֹיגְן, קוּק נִישְׁט קַיין עֲבֵירוֹת, דָאס מַאכְט נִישְׁט פְרֵיילִיךְ, עֶס מַאכְט בְּעַצְבוּת און מָרָה שְׁחוֹרָה, אַז מֶען אִיז מַפְקִיר דִי אוֹיגְן אִיז זֵייעֶר בִּיטֶער, אַז מֶען אִיז מַפְקִיר דִי אוֹיגְן - פַארְלִירְט מֶען דִי פַּרְנָסָה. זֶע דַיין טֶעלֶעפָאן זָאל זַיין רֵיין, לֵייג אַרוֹיף אַ שְׁטַארְקֶע פִילְטֶער, שְׁפִּיל נִישְׁט אוֹיס, נִישְׁטָא וֶועם אוֹיסְצוּשְׁפִּילְן, קֶענְסְט זִיךְ אַלֵיינְס אוֹיסְשְׁפִּילְן, און דַיינֶע קִינְדֶער וֶועלְן אוֹיךְ אוֹיסְשְׁפִּילְן; דוּ ווילְסְט דָאךְ עֶרְלִיכֶע דוֹרוֹת.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

**דָאס רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן גֶעבְּט שְׁטַארְקֵייט, עֶס בַּארוּאִיגְט**

**בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד׳ פַּרְשַׁת שְׁמוֹת, י"ח טֵבֵת, שְׁנַת תשפ"ג לִפְרָט קָטָן לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

טַייעֶרֶער הַארְצִיגֶער בְּרוּדֶער, שְׁטַארְק זִיךְ, דְרַאפֶּע זִיךְ און דֶערְהַאלְט

זִיךְ. בָּזֶה הָעוֹלָם דַארְף מֶען אַסַאךְ חִיזוּק צוּ קֶענֶען אָנְגֵיין בַּעֲבוֹדַת הַשֵּׁם, מֶען פְּרוּבִּירְט אוֹיס יֶעדְן אֵיינֶעם מִיט שְׁוֶועֶרע בִּיטֶערֶע נִסְיוֹנוֹת; ווארוּיל אִיז דֶעם וָואס דֶערְהַאלְט זִיךְ אוּן בְּלַייבְּט מִיט אַ שְׁטַארְקֶע אֱמוּנָה.

שְׁטֶעל זִיךְ אָפּ פַּאר אַ סֶעקוּנְדֶע אוּן טְרַאכְט: 'דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז דָא, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז מִיט מִיר, בַּיי מִיר אוּן נֶעבְּן מִיר'.

עֶפְן דַיין מוֹיל, רֶעד אַרוֹיס אַ וָוארְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, זָאג: "אֵייבֶּערְשְׁטֶער הֶעלְף מִיר, אֵייבֶּערְשְׁטֶער גֶעב מִיר כֹּחַ, אֵייבֶּערְשְׁטֶער מַאךְ מִיךְ פְרֵיילִיךְ".

דָאס רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן גֶעבְּט שְׁטַארְקֵייט, עֶס בַּארוּאִיגְט; קַיין אַנְדֶערֶע עֵצָה אִיז נִישְׁטָא.

גְלֵייבּ מִיר, וֶוער עֶס נֶעמְט אַרַיין דִי עֵצָה פוּן רֶבִּי'ן אִין זִיךְ - לֶעבְּט אַ חַיִּים טוֹבִים, מֶען לֶעבְּט אַ גַן עֵדֶן לֶעבְּן.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

### קֶען זִיךְ דֶען אַ מֶענְטְשׁ בַּאהַאלְטְן פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן?

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד' פַּרְשַׁת שְׁמוֹת, י"ח טֵבֵת, שְׁנַת תשפ"ג לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ שְׁרַייבּ דִיר נָאכְאַמָאל, קוּק נִישְׁט קַיין נִיאוּף; קוּקְן נִיאוּף אִיז זֵייעֶר אַ גְרוֹיסֶע עֲבֵירָה, אַז מֶען קוּקְט נִיאוּף וֶוערְט מֶען אוֹיסְגֶעריסְן פוּן דִי וֶועלְט. וֶועסְט פַארְלִירְן דִי וֶועלְט אוּן יֶענֶע וֶועלְט, דַיין וַוייבּ וֶועט דִיךְ אִיבֶּערְלָאזְן, דַיינֶע קִינְדֶער וֶועלְן זִיךְ שֶׁעמֶען מִיט דִיר, דוּ וֶועסְט וֶוערְן פַארְשֶׁעמְט פַּאר אַלֶעמֶען.

אִיךְ פַארְשְׁטֵיי נִישְׁט וָואס עֶס גֵייט פָּאר מִיט דִיר, פַּארְוָואס זָאלְסְטוּ נִישְׁט הֶערְן מַיינֶע רֵייד וָואס אִיךְ שְׁרַייבּ דִיר אוּן רֶעד צוּ דִיר אַזוֹיפִיל מָאל; דוּ מֵיינְסְט אַז מֶען קֶען זִיךְ בַּאהַאלְטְן פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן? "אִם יִסָּתֵר אִישׁ בַּמִּסְתָּרִים", קֶען זִיךְ דֶען אַ מֶענְטְשׁ בַּאהַאלְטְן פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן? "וַאֲנִי לֹא

אֶרְאֶנּוּ, נְאֻם ה'" און דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל אִים נִישְׁט זֶען (יִרְמְיָה כג, כד).

נָאכְדֶעם וֶועסְטוּ וֵויינֶען אַז דוּ הָאסְט נִישְׁט קַיין פְּרוּטָה צוּ דַיין נְשָׁמָה? וֶוען דוּ אַלֵיינְס וַוארְפְסְט אַוֶועק דִי שֶׁפַע, דוּ טְרָאגְסְט דִי שֶׁפַע צוּ דִי קְלִיפּוֹת הַשֵּׁם יִשְׁמְרֵינוּ; אוֹי וִוי בִּיטֶער עֶס אִיז אַז מֶען קוּקְט נִיאוּף, אוֹי וִוי שְׁלֶעכְט עֶס וֶוערְט דִי לֶעבְּן אַז מֶען קוּקְט נִיאוּף.

אִיךְ קֶען נִישְׁט וַוייטֶער שְׁרַייבְּן, פוּן גְרוֹיס צַעַר, וִוי אִיךְ זֶע וָואס דוּ טוּסְט.

...

## וֶוען דוּ הָאסְט אַ שְׁוֶוערֶע מִינוּט, עֶפְן דַיין מוֹיל און רֶעד צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד' פַּרְשַׁת שְׁמוֹת, י"ח טֵבֵת, שְׁנַת תשפ"ג לִפְרַט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אַ אִיד אִיז קֵיינְמָאל נִישְׁט אַלֵיין, וואוּ מֶען גֶעפוּנְט זִיךְ - אִיז מֶען מִיטְן אֵייבֶּערְשְׁטְן.

חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה דֶערְצֵיילְן (יְרוּשַׁלְמִי בְּרָכוֹת ט, א): "מַעֲשֶׂה בִּסְפִינָה אַחַת שֶׁל עַכּוּ"ם", עֶס אִיז אַמָאל גֶעפָארְן אַ שִׁיף מִיט גוֹיִם, אוֹיפְ'ן שִׁיף אִיז גֶעוֶוען אַ אִידִישׁ אִינְגְל, עֶס אִיז גֶעוֶוען אַ שְׁטוּרֶעם, דִי שִׁיף אִיז אָנְגֶעקוּמֶען עֶרְגֶעץ וַוייט אַוֶועק. אַלֶע גוֹיִים זֶענֶען אַרָאפּ פוּן שִׁיף זוּכְן עֶפֶּעס עֶסְן, אָבֶּער דֶער אִידִישׁ אִינְגְל אִיז גֶעבְּלִיבְּן אוֹיפְ'ן שִׁיף, זֶענֶען מֶענְטְשְׁן אִים גֶעגַאנְגֶען פְרֶעגְן: "וָואס אִיז מִיט דִיר, פַארְוָואס גֵייסְטוּ נִישְׁט אַרָאפּ קוֹיפְן עֶפֶּעס עֶסְן?" הָאט עֶר גֶעזָאגְט: "אִיךְ בִּין אַ פְרֶעמְדֶער, אִיךְ וֵוייס נִישְׁט וואוּ צוּ גֵיין", הָאבְּן זֵיי גֶעזָאגְט: "אַ אִידִישׁ קִינְד אִיז נִישְׁט פְרֶעמְד, 'כָּל אָהָן דְּאַתְּ אָזֵיל', וואוּ אַ אִיד גֵייט, 'אֱלָקֶךְ עִמָּךְ', אִיז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער מִיט אִים", אַזוֹי וִוי עֶס שְׁטֵייט (דְּבָרִים ד, ז): "כַּה' אֱלֹקֵינוּ בְּכָל קָרְאֵנוּ אֵלָיו".

הָאסְט אַ שְׁוֶוערֶע מִינוּט? גֵייסְט אַרִיבֶּער עֶפֶּעס אַ שְׁוֶוערִיקֵייט וְכוּ'? עֶפְן דַיין מוֹיל, רֶעד צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן - וֶועסְטוּ זֶען נִיסִים.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

### בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז דָאס קִינְד זָאל זַיין גֶעזוּנְט

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד׳ פַּרְשַׁת שְׁמוֹת, י״ח טֵבֵת, שְׁנַת תשפ״ג לִפְרָט קָטָן

**מָרַת ... תִּחְיֶ׳**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אַייעֶר בְּרִיוו.

אִין דִי טֶעג וָואס מֶען וַוארְט לְמַזָל טוֹב דַארְף מֶען טוּן צְוֵויי זַאכְן: עֶרְשְׁטְנְס, דַאנְקֶען אוּן לוֹיבְּן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן. צְוֵוייטְנְס, בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז דָאס קִינְד זָאל זַיין גֶעזוּנְט בִּרְמַ״ח אֵבָרִים וְשְׁסָ״ה גִּידִים אוּן זַיין אַ גְרוֹיסֶער צַדִּיק.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

### הַנְהָגוֹת פַאר׳ן לֶעבְּן נָאךְ דִי חֲתוּנָה

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד׳ פַּרְשַׁת שְׁמוֹת, י״ח טֵבֵת, שְׁנַת תשפ״ג לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

מַזָל טוֹב פַאר דַיין חֲתוּנָה, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל דִיר הֶעלְפְן זָאלְסְט בּוֹיעֶן אַ שֵׁיינֶע אִידִישֶׁע שְׁטוּבּ, דִי שְׁכִינָה הַקְּדוֹשָׁה זָאל שְׁטֶענְדִיג רוּעֶן צְוִוישְׁן אַייךְ, אִיר זָאלְט זֶען לִיכְטִיגֶע דוֹרוֹת.

הָאסְט מִיר גֶעבֶּעטְן אִיךְ זָאל דִיר שְׁרַייבְּן עֶפֶּעס הַנְהָגוֹת פַארְן לֶעבְּן; רֵאשִׁית כָּל זָאלְסְטוּ לוֹיבְּן אוּן דַאנְקֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף דִי גְרוֹיסֶע חֶסֶד אַז דוּ הָאסְט חֲתוּנָה גֶעהַאט, הָאסְט אַן אֵשֶׁת חַיִל; וִויפִיל דוּ וֶועסְט דַאנְקֶען אוּן לוֹיבְּן - וֶועסְטוּ נָאכְאַלְץ זַיין שׁוּלְדִיג דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף דִי גְרוֹיסֶע חֲסָדִים.

גֶעדֶענְק גוּט דֶעם כְּלָל, ׳נִישְׁט זִיךְ טַעֲנָה׳עֶן מִיט דִי וַוייבּ, גֵיי נִישְׁט

אַרַיין אִין קַיין וִיכּוּחִים׳. מוֹהֲרָא"שׁ זָאגְט, דִי וַוייבּ דַארְף מֶען גֶעבְּן גֶערֶעכְט אוּן נִישְׁט זִיךְ שְׁפַּארְן מִיט אִיר; אֲפִילוּ מֶען אִיז קְלָאר גֶערֶעכְט אוּן זִי אִיז נִישְׁט גֶערֶעכְט - אִיז נִישְׁטָא קַיין וִיכּוּחִים, מֶען זָאגְט אֵיינְמָאל צְוֵויי מָאל וָואס מֶען הַאלְט, אוּן אַז דִי וַוייבּ זָאגְט פַארְקֶערְט - לָאזְט מֶען אָפּ, מֶען טַעֲנָה׳עט נִישְׁט.

נָאךְ אַ וִויכְטִיגֶע זַאךְ, זָאלְסְט רֶעדְן מִיט אִיר נָאר פוּן גוּטֶע זַאכְן; נִישְׁט נֶעגֶעטִיוו. דֶערְצֵייל אִיר אַלֶעס, נָאר נִישְׁט קַיין כִּשְׁלוֹנוֹת אוּן נְפִילוֹת - חַס וְשָׁלוֹם.

בְּרֶענְג אִיר אַהֵיים אַ גוּטֶע זַאךְ; דִי וַוייבּ וֶוערְט פְרֵיילִיךְ וֶוען אִיר מַאן טְרַאכְט פוּן אִיר אוּן קוּמְט מִיט אַ גוּטֶע זַאךְ וָואס זִי גְלַייכְט. אַזוֹי וִוי חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה דֶערְצֵיילְן (יְבָמוֹת סג.): "רַבִּי חִיָיא כִּי הֲוָה מְשַׁכַּח מִידִי", רֶבִּי חִיָיא, וֶוען עֶר פְלֶעגְט זֶען אַ גוּטֶע זַאךְ וָואס זַיין וַוייבּ הָאט לִיבּ - "צַיֵּיר לֵיהּ בְּסוּדְרֵיהּ, וּמַיְיתֵי נִיהֲלֵהּ", פְלֶעגְט עֶר דָאס אַהֵיים בְּרֶענְגֶען פַאר אִיר.

מַאךְ זִיךְ אַ שִׁיעוּר צוּ לֶערְנֶען אִין שְׁטוּב; דִי וַוייבּ הָאט לִיבּ צוּ זֶען דֶעם מַאן לֶערְנֶען, אַז דוּ וֶועסְט לֶערְנֶען וֶועט זִי דִיךְ אַרוֹיפְקוּקְן.

אִיךְ דַארְף מְקַצֵר זַיין, אִיךְ דַארְף גֵיין צוּ דִי בָּחוּרִים; זֵיי וַוארְטְן אוֹיף אַבִּיסְל חִיזוּק.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

### מֶען דַארְף נִישְׁט אַלֶעס נָאכְגֶעבְּן פַאר׳ן מַאן

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד׳ פַּרְשַׁת שְׁמוֹת, י"ח טֵבֵת, שְׁנַת תשפ"ג לִפְרָט קָטָן

מָרַת ... תִּחְיֶ׳

זָאגְט אַייעֶר מַאן: "אִיךְ קֶען לֶעבְּן מִיט דִיר נָאר אִין אַ וֶועג פוּן נִישְׁט וֶוערְן וִוי גֶעטוּן, מִיר אִידִישֶׁע קִינְדֶער טוּעֶן נִישְׁט וָואס גוֹיִם טוּעֶן".

זָארְגְט נִישְׁט, זַייט זֵייעֶר שְׁטַארְק, אִיר זָאלְט זָאגְן אַייעֶר מַאן: "אִיךְ בִּין גְרֵייט פַאר דִיר, אִיךְ וִויל לֶעבְּן מִיט דִיר וְכוּ׳, אָבֶער נָאר אַז דוּ טוּסְט מִיךְ

נִישְׁט וֵויי"; אַ אִידִישֶׁע פְרוֹי אִיז נִישְׁט קַיין דִינְסְט, אִידִישֶׁע פְרוֹיעֶן זֶענֶען קֶענִיגְלִיכֶע טֶעכְטֶער, מֶען דַארְף זִיךְ מִיט זֵיי פִירְן זֵייעֶר שֵׁיין. דֶער רֶבִּי הָאט גֶעהֵייסְן מְכַבֵּד זַיין דִי וַוייבּ (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן רסד), נִישְׁט חַס וְשָׁלוֹם פַּיינִיגְן.

הָאט נִישְׁט מוֹרָא.

...

מֶען קֶען נִישְׁט מְחַייֵב זַיין אַ מֶענְטְשׁ צוּ גֶעבְּן חוֹדֶשׁ'לִיךְ כַּךְ וְכַךְ

[אֵיינֶער פוּן דִי פָּאנְדְרֶעיזֶערְס הָאט אָנְגֶעפְרֶעגְט בַּיים רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א אוֹיבּ דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה אִיז ווִילִיג צוּ מַאכְן אַ שַׁבָּת הִתְוַעֲדוּת פַאר צְוָואנְצִיג אִינְגֶעלַייט וָואס יֶעדֶער אִינְגֶערְמַאן וֶועט גֶעבְּן פַארְ'ן רֹאשׁ יְשִׁיבָה צֶען טוֹיזְנְט דָאלֶער, עֶס וֶועט אַרַיינְקוּמֶען אִין אֵיין שַׁבָּת צְוֵויי הוּנְדֶערְט טוֹיזְנְט דָאלֶער צוּ קֶענֶען בַּאצָאלְן דִי אַיינְגֶעשְׁטֶעלְטֶע.

שְׁרַייבְּט דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה]:

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב' פַּרְשַׁת וָאֵרָא, ט' שׁוֹבָבִי"ם, כ"ג טֵבֵת, שְׁנַת תשפ"ג לִפְרָט קָטָן

לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

נֵיין, אִיךְ ווִיל נִישְׁט אוֹיסְקְוֶועטְשְׁן אִינְגֶעלַייט; אִיךְ קֶען עֶס נִישְׁט טוּן, אִיךְ טָאר עֶס נִישְׁט טוּן אוּן אִיךְ וֶועל עֶס נִישְׁט טוּן.

בָּחוּרִים קֶענֶען גֵיין נָאךְ גֶעלְט, מִיט זֵיי קֶען אִיךְ גֵיין אוֹיף אַ שַׁבָּת, אָבֶּער אִינְגֶעלַייט גֶעבְּן זֵייעֶר אֵייגֶענֶע גֶעלְט, אוּן נִיטְאַמָאל אֵייגֶענֶע גֶעלְט; זֵיי בָּארְגְן פוּן זֵייעֶרֶע קְרֶעדִיט קַארְדְס אוּן זֵיי בְּלַייבְּן גְרוֹיסֶע בַּעֲלֵי חוֹבוֹת.

אַזוֹי אוֹיךְ, דִי וֶועג פוּן זָאגְן פַאר אִינְגֶעלַייט זֵיי זָאלְן זִיךְ מְחַייֵב זַיין גֶעלְט חוֹדֶשׁ'לִיךְ - אִיז נִישְׁט לְפִי רוּחִי, אִיךְ הָאבּ דָאס נִישְׁט לִיבּ, אִיךְ הַאלְט אַז דָאס אִיז גְנֵיבָה; ווַייל ווִי קֶען אַ אִינְגֶערְמַאן ווִיסְן וָואס גֵייט זַיין מִיט אִים קוּמֶענְדִיגֶע חוֹדֶשׁ? ווִי קֶען עֶר ווִיסְן אוֹיבּ עֶר גֵייט קֶענֶען גֶעבְּן חוֹדֶשׁ'לִיךְ כַּךְ וְכַךְ...? אִיךְ קֶען מִשְׁפָּחוֹת וָואס הָאבְּן נִישְׁט אִין מוֹיל צוּ נֶעמֶען אוּן זֵייעֶר

קְרֶעדִיט קַארְד לוֹיפְט פַאר בָּנֵינוּ, און זֵיי שֶׁעמֶען זִיךְ אַרַיינְצוּרוּפְן אִין אָפִּיס זָאגְן מֶען זָאל מֶער נִישְׁט נוּצְן זֵייעֶר קַארְטְל.

אַ וַוייבְּל הָאט נֶעכְטְן דֶערְצֵיילְט פַאר מַיין וַוייבּ אַז זִי הָאט נִישְׁט אִין מוֹיל צוּ נֶעמֶען אָבֶּער דִי קַארְטְל פַאר בָּנֵינוּ לוֹיפְט חוֹדֶשׁ'לִיךְ, וַוייל זֵיי שֶׁעמֶען זִיךְ צוּ זָאגְן מֶען זָאל דָאס מֶער נִישְׁט נוּצְן.

דִי אַלֶע וָואס פָּאנְדְרֶעיזְן פַאר מִיר פַאר מַיינֶע מוֹסְדוֹת זָאלְן וִויסְן אַז אִיךְ בִּין נִישְׁט בַּאווִילִיגְט פוּן דִי וֶועג. אִיךְ הַאלְט פוּן בֶּעטְן צְדָקָה, און דוּ קֶענְסְט יֶענֶעם רוּפְן קוֹמֶענְדִיגֶע חוֹדֶשׁ פְרֶעגְן אוֹיבּ עֶר וִויל דִיר גֶעבְן, אָבֶּער מְחַייֵב זַיין אַנְדֶערֶע - אִיז קֶעגְן מַיין וִוילְן.

קֶענְסְט דָאס אִיבֶּערְגֶעבְן פַאר אַלֶע וָואס נֶעמֶען צָאם פַאר אוּנְזֶער מוֹסָד.

...

### גֵיי אִין מִקְוֶה יֶעדְן טָאג, פַארְפֶעל נִישְׁט קַיין מִקְוֶה

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג' פָּרָשַׁת וָאֵרָא, י' שׁוֹבָבִי"ם, כ"ד טֵבֵת, שְׁנַת תשפ"ג
לִפְרָט קָטָן
**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ בִּין נָאכְאַלְץ נִישְׁט בַּיי מִיר פוּן זִיךְ טְרֶעפְן מִיט אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ אִין אֶרֶץ הַקוֹדֶשׁ. אִיךְ הָאבּ אַזוֹי הֲנָאָה גֶעהַאט צוּ זַיין דָארְט מִיט זֵיי, אַלֶע זֶענֶען אַזוֹי פְרִישׁ מִיט דִי עֵצוֹת פוּן רֶבִּי'ן, אַלֶע זֶענֶען אַזוֹי פְרֵיילִיךְ. וֶוען אִיךְ קֶען וֶוען - וָואלְט אִיךְ גֶעבְּלִיבְן פַאר לֶענְגֶער; אִיךְ קֶען נִישְׁט, וַוייל אִיךְ הָאבּ אַ וַוייבּ מִיט קִינְדֶער, מַיין וַוייבּ דַארְף מַיין הִילְף מִיט דִי קִינְדֶער.

גֵיי אִין מִקְוֶה יֶעדְן טָאג, פַארְפֶעל נִישְׁט קַיין מִקְוֶה; מִקְוֶה נֶעמְט אַוֶועק אַלֶע דִינִים. דֶער רֶבִּי זָאגְט (סֵפֶר הַמִּדּוֹת אוֹת הַמְתָּקַת הַדִּין, סִימָן פא): "הַמִּקְוֶה מַמְתִּיק הַדִּין"; יֶעצְט אִין דִי יְמֵי הַשּׁוֹבָבִי"ם זוּכְט יֶעדֶער תִּיקוּנִים, מִקְוֶה אִיז דִי עֶרְשְׁטֶע זַאךְ. דֶער רֶבִּי בַּיים מְגַלֶה זַיין דִי תִּיקוּן הַכְּלָלִי הָאט זִיךְ אוֹיסְגֶעדְרוּקְט: "דָאס עֶרְשְׁטֶע אִיז מִקְוֶה".

וֶוען אַ מֶענְטְשׁ בַּאהַאלְט זִיךְ אוּנְטֶערְן שָׁאטְן פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן - וֶוערְט

עֶר גֶערַאטֶעוֶועט פוּן אַלֶעם שְׁלֶעכְטְס. ווִי אַזוֹי בַּאהַאלְט מֶען זִיךְ אוּנְטֶער דִי שָׁאטְן פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן? דוּרְךְ תְּפִלָּה וְהִתְבּוֹדְדוּת; וֶוען מֶען רֶעדְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, מֶען שְׁמוּעֶסְט זִיךְ אוֹיס מִיטְן אֵייבֶּערְשְׁטְן - אִיז מֶען זוֹכֶה צוּ זַיין בַּאשִׁיצְט בַּיים אֵייבֶּערְשְׁטְן.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## עֶס אִיז נַארִישׁ צוּ מְקַנֵּא זַיין אַ צְוֵוייטְן

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד' פַּרְשַׁת וָאֵרָא, י"א שׁוֹבָבִי"ם, כ"ה טֵבֵת, שְׁנַת תשפ"ג לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

זַיי נִישְׁט מְקַנֵּא אַ צְוֵוייטְן; עֶס אִיז נַארִישׁ צוּ מְקַנֵּא זַיין אַ צְוֵוייטְן, וַוייל נִישְׁטָא קֵיינֶער וָואס זָאל נִישְׁט הָאבְּן אַ שְׁוֶועֶרֶע פֶּעקְל, יֶעדֶער אֵיינֶער הָאט זַיינֶע נִסְיוֹנוֹת אוּן שְׁוֶועֶרִיקַייטְן. מֶען דַארְף אַסַאךְ בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן מֶען זָאל לִיב הָאבְּן יֶעדְן אִיד, חַס וְשָׁלוֹם קֵיינֶעם נִישְׁט פַּיינְט הָאבְּן אוּן אוֹיךְ זִיךְ אַלֵיינְס לִיב הָאבְּן.

**בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן: "רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם, נֶעם אַרוֹיס פוּן מִיר דִי בַּאהַאלְטֶענֶע קִנְאָה, דִי בַּאהַאלְטֶענֶע פַּיינְטְשַׁאפְט וָואס אִיךְ הָאבּ אוֹיף אַנְדֶערֶע, הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל לִיבּ הָאבְּן יֶעדְן אִיד".**

דַיין וַוייבּ זָאלְסְטוּ גֶעבְּן גוּטֶע וֶוערְטֶער, אוּן גֶעבּ אִיר דִי גֶעפִיל אַז דוּ בִּיסְט דָא פַאר אִיר.

מָארְגְן וֶועט זַיין דִי לֵיל שִׁישִׁי שִׁיעוּר אִינֶעם נֵייעֶם בֵּית הַמֶּדְרָשׁ אִין סְפְּרִינְג וַואלִי, אִינְאֵיינֶעם מִיט אַ סְעוּדַּת מִצְוָה אוֹיפְן סִיוּם וָואס אַלֶע עֶנְדִיגְן מִיר אִינְאֵיינֶעם, יְרוּשַׁלְמִי מַסֶּכֶת בְּרָכוֹת.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## דִי שְׁטוּבֶּער וָואס מֶען לַאכְט אוֹיף עֶרְלִיכֶע אִידְן, פַאלְן דִי קִינְדֶער אַוֶועק

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד׳ פַּרְשַׁת וָאֵרָא, י״א שׁוֹבָבִי״ם, כ״ה טֵבֵת, שְׁנַת תשפ״ג

לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאב הַנָאָה פוּן דִיר אַז דוּ הָאסְט שֵׂכֶל צוּ וִויסְן וִוי צוּ גֵיין צְוִוישְׁן דִי טְרָאפְּן; פוּן אֵיין זַייט נִישְׁט רֶעדְן צוּ דַיין וַוייבּ קֶעגְן אִירֶע עֶלְטֶערְן, אוּן פוּן דִי אַנְדֶערֶע זַייט זָאגְסְטוּ פַאר דַיין וַוייבּ אַז בַּיי עֶנְק אִין שְׁטוּבּ זָאל מֶען נִישְׁט חוֹזֵק מַאכְן פוּן קַיין עֶרְלִיכֶע אִידְן. אִירֶע עֶלְטֶערְן הַאלְטְן זִיךְ פַאר עֶכְטֶע (מִלָּשׁוֹן אֶחְטָא) תַּלְמִידֵי הֵיכַל הַקּוֹדֶשׁ, זֵיי מַאכְן חוֹזֵק בַּיי אַלֶע סְעוּדוֹת פוּן דִי תַּלְמִידִים פוּן מוֹהֲרָא״שׁ וָואס זֶענֶען זִיךְ מוֹסֵר נֶפֶשׁ צוּ הֶעלְפְן אִידִישֶׁע קִינְדֶער.

אִיךְ וִויל פְרֶעגְן דִי אַלֶע לֵצִים, אִיר טוּט דָאךְ דָאס זֶעלְבֶּע וָואס מֶען הָאט גֶעטוּן אַלֶע יָארְן מִיט מוֹהֲרָא״שׁ; אַלֶע יָארְן הָאט מֶען גֶעשְׁרִיגְן אוֹיף אוּנְז: ׳הֲיִתָּכֵן זִיךְ נֶעמֶען אַ מוֹרֶה דֶרֶךְ, מֶען טָאר נִישְׁט גֵיין צוּ מְפֻרְסָמִים, נָאר דֶער רֶבִּי אוּן נָאר רֶבִּי נָתָן׳, אָבֶּער מִיר הָאבְּן זִיךְ נִישְׁט צוּטוּן גֶעמַאכְט פוּן דִי לֵצִים, מִיר הָאבְּן גֶעקוּקְט ׳וֶוער אִיז אוּנְז מְחַזֵק צוּ נֶעמֶען דֶעם רֶבִּי״ן אוּן רֶבִּי נָתָן׳; וִויל אִיךְ פַארְשְׁטֵיין, וָואס אִיז יֶעצְט וֶוען עֶס וַואקְסְט אוֹיף אַ נֵייעֶם דוֹר וָואס הָאט נִישְׁט זוֹכֶה גֶעוֶועְן צוּ זִיצְן בַּיים טִישׁ פוּן מוֹהֲרָא״שׁ, טָארְן זֵיי נִישְׁט הָאבְּן עֶרְלִיכֶע אִידְן וָואס זָאלְן זֵיי מְחַזֵק זַיין? דָאס אִיז הֵיכַל הַקּוֹדֶשׁ? דָאס אִיז מוֹהֲרָא״שׁ?!

אַ שָׁאד צוּ טַעְנָה׳ן, אַ שָׁאד גֵיין אִין וִיכּוּחִים; נֶעם דִיר דֶעם כְּלַל, דִי שְׁטוּבֶּער וָואס מֶען לַאכְט אוֹיף עֶרְלִיכֶע אִידְן - פַאלְן דִי קִינְדֶער אִינְגַאנְצְן אַוֶועק פוּן אִידִישְׁקֵייט, דִי שְׁטוּבֶּער וָואס דֶער שַׁבָּת טִישׁ דְרֵיידְט זִיךְ מִיט לֵיצָנוּת, פוּן דִי שְׁטוּבּ וֶועלְן אַלֶע אָפְּלָאזְן דֶעם דֶרֶךְ הַתּוֹרָה לֹא עָלֵינוּ וְלֹא עֲלֵיכֶם.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

**מֶען קֶען נִישְׁט צְווִינְגֶען דִי וַוייבּ אַז זִי מוּז טוּן אַזוֹי אוּן אַזוֹי**

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד׳ פַּרְשַׁת וָאֵרָא, י״א שׁוֹבָבִי״ם, כ״ה טֵבֵת, שְׁנַת תשפ״ג

לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

דוּ מֵיינְסְט אִין שְׁטֶעטְל דַארְף מֶען נִישְׁט קַיין הִתְחַזְקוּת? מַאךְ נִישְׁט קַיין ווִילְדֶע זַאכְן, אִיבֶּערְלָאזְן דִי לַאנְד וואוּ דוּ וואוֹינְסְט - צוּ קֶענֶען וואוֹינֶען אִין שְׁטֶעטְל, עֶס אִיז נִישְׁט קַיין פָּשׁוּטְ׳עֶ זַאךְ דָאס צוּ טוּן.

נֶעם אַרַיין דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן בַּיי דִיר אִין שְׁטוּבּ, נֶעם דֶעם רֶבִּינְ׳ס עֵצוֹת דָארְט וואוּ דוּ וואוֹינְסְט. פַארְמַאךְ דַיינֶע אוֹיגְן אוּן זִינְג: ״מְמַלֵּא כָּל עָלְמִין וְסוֹבֵב כָּל עַלְמִין, אֵין שׁוּם מְצִיאוּת מִבַּלְעָדֶיךָ יִתְבָּרַךְ כְּלָל, וּבְכָל תְּנוּעָה וּתְנוּעָה שָׁם אֲלוּפוֹ שֶׁל עוֹלָם, אַלֶעס אִיז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז מִיט מִיר, בַּיי מִיר אוּן נֶעבְּן מִיר״ - וֶועסְטוּ שְׁפִּירְן דִי טַעַם וָואס מֶען שְׁפִּירְט אִין גַן עֵדֶן, עֶס וֶועט דִיר זַיין גוּט דָארְט.

מֵיין נִישְׁט אַז אִין שְׁטֶעטְל דַארְף מֶען נִישְׁט קַיין חִיזוּק; דָאס מֶערְסְטֶע חִיזוּק דַארְפְן דִי וָואס זֶענֶען אִין שְׁטֶעטְל. וַוייל וֶוען מֶען אִיז וַוייט - בֶּענְקְט מֶען, וֶוען מֶען אִיז וַוייט - גְלִיסְט מֶען, אוּן וֶוען מֶען אִיז נָאנְט קֶען זִיךְ פְּלוּצְלוּנְג אַלֶעס אָפְּקִילְן; דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל אָפְּהִיטְן.

בְּנוֹגֵעַ וְכוּ׳; מֶען קֶען נִישְׁט שְׁטוּפְּן דִי וַוייבּ אַז זִי מוּז טוּן אַזוֹי אוּן אַזוֹי, מֶען קֶען נִישְׁט אִיבֶּערְרַייסְן דִי שְׁטְרִיק; וָואס יָא? קֶענְסְט פוּן צַייט צוּ צַייט רֶעדְן פוּן דָאס גְרוֹיסְקֵייט פוּן זִיךְ אָפְּשֶׁערְן וְכוּ׳.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

**בְּרֶענְג אַהֵיים אַ גוּטֶע זַאךְ, פְרֵיילִיךְ צוּ מַאכְן דַיין וַוייבּ**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ – יוֹם ה' פַּרְשַׁת וָאֵרָא, י"ב שׁוֹבָבִי"ם, כ"ו טֵבֵת, שְׁנַת תשפ"ג

לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

טְרַאכְט וָואס דוּ קֶענְסְט אַהֵיימְבְּרֶענְגֶען עֶפֶּעס אַ גוּטֶע זַאךְ, פְרֵיילִיךְ צוּ מַאכְן דַיין וַוייבּ. חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה דֶערְצֵיילְן (יְבָמוֹת סג.): "רַבִּי חִיָּיא הֲוָה קָא מְצַעֲרָא לֵיהּ דְבֵיתְהוּ", רַבִּי חִיָּיא'ס וַוייבּ פְלֶעגְט אִים זֵייעֶר אַסַאךְ מְצַעֵר זַיין; מִיט דֶעם אַלֶעם: "כִּי הֲוָה מַשְׁכַּח מִידִי", וֶוען עֶר פְלֶעגְט זֶען גוּטֶע זַאכְן וָואס זִי הָאט לִיבּ, "צַיֵּיר לֵיהּ בְּסוּדְרֵיהּ", פְלֶעגְט עֶר דָאס אִיר שֵׁיין אַיינְפַּאקְן, "וּמַיְיתֵי נִיהֲלֵהּ", אוּן אִיר אַהֵיימְבְּרֶענְגֶען, הָאט רַב גֶעפְרֶעגְט רַבִּי חִיָּיא: "פַארְוָואס בְּרֶענְגְסְטוּ אִיר אֵייבִּיג גוּטֶע זַאכְן, זִי אִיז דָאךְ דִיר מְצַעֵר?" הָאט רַבִּי חִיָּיא גֶעזָאגְט: "דַיֵּינוּ, שֶׁמְּגַדְּלוֹת בָּנֵינוּ", מִיר אִיז גֶענוּג אַז זִי צִיט אוֹיף דִי קִינְדֶער, "וּמַצִּילוֹת אוֹתָנוּ מִן הַחֵטְא", אוּן זִי רַאטֶעוֶועט מִיךְ פוּן עֲבֵירוֹת.

מוֹהֲרָא"שׁ פְלֶעגְט מְדַיֵּיק זַיין, 'פוּן וֶועם רֶעדְט מֶען דָא? מֶען רֶעדְט דָא פוּן דֶעם הֵיילִיגְן רַבִּי חִיָּיא, וָואס דֶער מַלְאַךְ הַמָּוֶת הָאט נִישְׁט גֶעהַאט קַיין שְׁלִיטָה אוֹיף אִים; וֶוען עֶס אִיז גֶעקוּמֶען דִי צַייט עֶר זָאל אַוֶועקְגֵיין פוּן דֶער וֶועלְט הָאט עֶר אִים נִישְׁט גֶעקֶענְט בֵּייקוּמֶען, מֶען רֶעדְט דָא פוּן מַלְאֲכֵי מַעֲלָה, דָאךְ זֶעט מֶען וִוי זֵיי הָאבְּן אַזוֹי אַכְטוּנְג גֶעגֶעבְּן אוֹיף שְׁלוֹם בַּיִת, אִיז דָאךְ כָּל שֶׁכֵּן אוּנְז, אַז מִיר דַארְפְן אַכְטוּנְג גֶעבְּן מְכַבֵּד זַיין דִי וַוייבּ וָואס הִיט אוּנְז פוּן עֲבֵירוֹת אוּן אִיז מְגַדֵּל דִי קִינְדֶער'.

גֶעבּ אִיבֶּער אִין שְׁטוּבּ אַ גְרוֹיסְן יְיַשֶׁר כֹּחַ פַארְן זִיךְ בַּאטֵיילִיגְן בַּיי דִי פְרוֹיעֶן פַּארְטִי, עֶס אִיז אַרַיינְגֶעקוּמֶען זֵייעֶר שֵׁיין. אִיךְ מוּטְשֶׁע זִיךְ יֶעצְט זֵייעֶר צוּ קֶענֶען בַּאצָאלְן דִי אַיינְגֶעשְׁטֶעלְטֶע, אִיךְ בִּין אָבֶּער זֵייעֶר רוּאִיג, אִיךְ בִּין נִישְׁט פַארְלוֹירְן; אִיךְ וֵוייס אוּן אִיךְ גְלֵייבּ אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וֶועט מַאכְן גָאר גְרוֹיסֶע נִסִּים.

אַז דוּ קֶענְסְט גֵיין נָאךְ גֶעלְט, אוֹיךְ אַהֵיימְנֶעמֶען אַ פּוּשְׁקֶע פוּן דִי מוֹסָד, אוֹיךְ אַ פּוּשְׁקֶע אִין דַיין אָפִיס אוּן אִין דַיין קַאר – וֶועט דָאס מִיר זַיין אַ גְרוֹיסֶע הִילְף.

הַיינְט נַאכְט וֶועל אִיךְ זַיין אִין מָאנְסִי, אִיךְ וֶועל דָארְט גֶעבְּן דִי וֶועכְנְטְלִיכֶע לֵיל שִׁישִׁי שְׁמוּעֶס. אוֹיךְ וֶועט זַיין אַ סְעוּדַת סִיוּם מַסֶכֶת בְּרָכוֹת פוּן תַּלְמוּד יְרוּשַׁלְמִי.

דֶעם שַׁבָּת וֶועל אִיךְ נִישְׁט זַיין אִין ווִילְיַאמְסְבּוּרְג, אִיךְ פָּאר אַוֶועק מִיט דִי בָּחוּרִים וָואס הֶעלְפְן דִי יְשִׁיבָה, זֵיי נֶעמֶען צַאם צְדָקָה פַאר דִי מוֹסָד ; אִיךְ דַארְף בַּאצָאלְן דִי חוֹבוֹת.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## שָׁלוֹם בַּיִת אִיז אָנְגֶעהָאנְגֶען אִינֶעם זִיךְ דוּרְכְרֶעדְן

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה׳ פַּרְשַׁת וָאֵרָא, י״ב שׁוֹבְבִי״ם, כ״ו טֵבֵת, שְׁנַת תשפ״ג לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

בִּשְׁעַת דִי וַוייבּ שְׁרֵייט אוּן שַׁאפְט, טוּט מֶען אַלֶעס - אַבִּי עֶס זָאל נִישְׁט וֶוערְן קַיין מַחֲלֹקֶת, וּבִפְרַט אַז דִי קִינְדֶער זֶעעֶן אוּן פַארְשְׁטֵייעֶן וָואס טוּט זִיךְ - טוּט מֶען אַלֶעס עֶס זָאל זַיין שָׁלוֹם אוּן זֵיי זָאלְן נִישְׁט כַאפְּן אַז עֶפֶּעס גֵייט דָא פָּאר.

שְׁפֶּעטֶער, וֶוען דוּ הָאסְט אַפָּאר מִינוּט פְּרִיוַואט מִיט דַיין וַוייבּ - זָאלְסְטוּ מִיט אִיר דָאס אוֹיסְשְׁמוּעֶסְן. וַוייל מוֹהֲרַא״שׁ זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ שְׁרַייבְּט זֵייעֶר אַסַאךְ, אַז שָׁלוֹם בַּיִת אִיז אָנְגֶעהָאנְגֶען אִינֶעם זִיךְ דוּרְכְרֶעדְן ; מֶען דַארְף רֶעדְן, מֶען קֶען נִישְׁט הַאלְטְן אִין זִיךְ זַאכְן אוּן זִיךְ אוֹיפְעֶסְן. אַז דֶער מַאן הָאט עֶפֶּעס וָואס שְׁטֶערְט אִים אוֹיף דִי וַוייבּ ; דִי וֶועג ווִי אַזוֹי זִי רֶעדְט צוּ אִים, דִי וֶועג ווִי אַזוֹי זִי פִירְט זִיךְ מִיט אִים - זָאל מֶען דָאס אוֹיסְשְׁמוּעֶסְן, אוּן פַארְקֶערְט, אוֹיבּ דִי וַוייבּ הָאט זַאכְן וָואס שְׁטֶערְט אִיר פוּנֶעם מַאן - דַארְף מֶען דָאס אוֹיסְרֶעדְן.

הָאבּ נִישְׁט קַיין פַּחַד צוּ רֶעדְן פוּן דֶעם, זָאג אִיר בָּזֶה הַלָּשׁוֹן : ״מַיין

טַייעֶרֶע וַוייבּ, אִיךְ טוּ אַלֶעס פַאר דִיר, אוּן אִיךְ וֶועל וַוייטֶער אַלֶעס טוּן פַאר דִיר, נָאר עֶס שְׁטֶערְט מִיר זֵייעֶר אֵיין זַאךְ, עֶס צֶעבְּרֶעכְט מִיךְ זֵייעֶר דִי וֶועג ווי אַזוֹי דוּ זָאגְסְט מִיר", בֶּעט דַיין וַוייבּ: "מַיין לִיבֶּע וַוייבּ, דִי זַאכְן וָואס דוּ זָאגְסְט מִיר צוּ טוּן וֶועל אִיךְ טוּן אוֹיךְ אַז דוּ וֶועסְט מִיר דָאס בֶּעטְן שֵׁיינֶערְהֵייט צוּ טוּן"; רֶעד מִיט אִיר, שְׁמוּעֶס אוֹיס וָואס שְׁטֶערְט אִיר, קֶען זַיין זִי כַאפְּט אֲפִילוּ נִישְׁט וָואס זִי טוּט.

אוֹיבּ מִיט דֶעם אַלֶעם וֶועט זִי וַוייטֶער שַׁאפְן אוֹיף דִיר - זָאלְסְטוּ זִיךְ נִישְׁט צוּלִיבּ דֶעם אוֹיפְּעֶסְן דַיין גֶעזוּנְט. זַיי זִיךְ מְבַטֵל צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן; אַזוֹי הָאט דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי גֶעזָאגְט פַאר רֶבִּי נָתָן (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן רעט): "וֶוען עֶס אִיז גָאר בִּיטֶער - אִיז מֶען זִיךְ אִינְגַאנְצְן מְבַטֵל".

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## אִין שְׁטוּבּ זָאל זַיין שָׁלוֹם, וָואס מֶען רֶעדְט אִינְדְרוֹיסְן זָאל נִישְׁט אָנְגֵיין

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה' פַּרְשַׁת וָאֵרָא, י"ב שׁוֹבבי"ם, כ"ו טֵבֵת, שְׁנַת תשפ"ג לִפְרָט קָטָן

מָרַת ... תִּחְיֶ'

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אַייעֶר בְּרִיוו.

אַז אַייעֶרֶע חַבֶרְטֶ'עס בַּארֶעדְן אַייךְ - אִיז דָאס בְּלוֹיז קִנְאָה, מֶען אִיז אַייךְ מְקַנֵא; וַוייל וֶוער עֶס רֶעדְט אוֹיף אַ צְוֵוייטְן - אִיז דָאס בְּלוֹיז קִנְאָה.

מַאכְט זִיךְ נִישְׁט ווִיסְנְדִיג, אִיר זָאלְט גֵיין וַוייטֶער מִיט אַייעֶר שֵׁיינֶע לֶעבְּן, בּוֹיט אַייעֶר שֵׁיינֶע נֶעסְט, לֶעבְּט וַוייטֶער בְּאַהֲבָה אַחְוָה שָׁלוֹם וְרֵעוּת מִיט אַייעֶר מַאן. עֶס זָאל אַייךְ נִישְׁט אִינְטֶערֶעסִירְן וָואס אַנְדֶערֶע זָאגְן, וָואס אַנְדֶערֶע טְרַאכְטְן; דָאס הָאבּ אִיךְ גֶעלֶערְנְט בַּיי מוֹהֲרַאַ"שׁ זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ, אִיךְ זָאל צִילְן אַז אִין שְׁטוּבּ צְווִישְׁן מַאן אוּן וַוייבּ זָאל זַיין שָׁלוֹם, אוּן וָואס מֶען רֶעדְט אִינְדְרוֹיסְן - זָאל נִישְׁט אָנְגֵיין.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

**גֶעבְּט אַכְטוּנְג מֶען זָאל רֶעדְן אִין שׁוּל נָאר דִּבּוּרֵי הִתְחַזְּקוּת**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה' פַּרְשַׁת וָאֵרָא, י"ב שׁוֹבָבִ"ם, כ"ו טֵבֵת, שְׁנַת תשפ"ג

לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר, בְּרַאכְפֶעלְד**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

דַארְפְסְט נִישְׁט פָארְלֶערְנֶען שִׂיחוֹת הָרַ"ן כְּסִדְרָן, דֶער עִיקָר זָאלְסְטוּ פָארְלֶערְנֶען שִׂיחוֹת וָואס זֶענֶען מְחַזֵּק, מְעוֹדֵד וּמְשַׂמֵּחַ. פָארְלֶערְנֶען אִין הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ אִיז אַ גְרוֹיסֶע אַחְרָיוּת, וַוייל וֶוען אֵיינֶער קוּמְט אִין הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ קוּמְט עֶר פַאר אֵיין סִיבָּה: צוּ הֶערְן עֶפֶּעס אַ וָוארְט וָואס וֶועט אִים גֶעבְּן אַ שְׁטוּפּ וַוייטֶער צוּ גֵיין אִין לֶעבְּן, וַוייטֶער צוּ דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

אִיךְ בֶּעט אַלֶע גַבָּאִים פוּן הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ דִי בְּכָל אֲתַר וַאֲתַר, גֶעבְּט אַכְטוּנְג מֶען זָאל רֶעדְן אִין שׁוּל נָאר דִּבּוּרֵי הִתְחַזְּקוּת, מֶען זָאל נִישְׁט פָארְלֶערְנֶען סְתַּם אַ שֵׁיינֶע וָוארְט אוֹיף דִי פַּרְשָׁה, מֶען דַארְף רֶעדְן נָאר פוּן חִיזוּק. מֶען הָאט נִישְׁט קַיין הַשָּׂגָה וָואס מֶענְטְשְׁן מַאכְן מִיט, שְׁוֶוערֶע בִּיטֶערֶע נִסְיוֹנוֹת; זֶה בְּכֹּה וְזֶה בְּכֹּה, אוּן וֶוען מֶען קוּמְט אִין שׁוּל - וִויל מֶען הֶערְן עֶפֶּעס גוּטֶע וֶוערְטֶער, עֶפֶּעס חִיזוּק - מִיט וָואס זִיךְ צוּ מְחַזֵּק זַיין צוּ קֶענֶען וַוייטֶער אָנְגֵיין מִיט דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

מוֹהֲרָא"שׁ הָאט מִיךְ גֶערוּפְן אִין אוּמַאן אַ נַאכְט פַּאר זְכוֹר בְּרִית אוּן גֶעשְׁמוּעֶסְט מִיט מִיר בַּיי זִיךְ אִין שְׁטוּבּ, מוֹהֲרָא"שׁ הָאט גֶעהַאלְטְן אִינְמִיטְן לֶערְנֶען לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן דִי צְוֵוייטֶע חֵלֶק סִימָן ב', אִינְמִיטְן שְׁמוּעֶסְן זָאגְט מִיר מוֹהֲרָא"שׁ: "קוּק אַרַיין דִי וֶוערְטֶער פוּן רֶבִּי'ן", מוֹהֲרָא"שׁ זָאגְט מִיר אִיךְ זָאל זָאגְן וואו עֶר טַייטְלְט מִיטְן פִינְגֶער, אִיךְ הָאבּ אָנְגֶעהוֹיבְּן זָאגְן: "וְהָאֱמֶת מֵאִיר בְּרִבּוּעַ הַדִּבּוּר הַנַּ"ל עַל יְדֵי שְׁלֹשָׁה שֵׁמוֹת הַנַּ"ל שֶׁהֵם קֵל, אֱלֹקִים, ה', שֶׁהֵם בְּחִינַת תְּפִלָּה, וְתוֹרָה, וְשִׁדּוּכִים וְזִוּוּגִים", אוּן מוֹהֲרָא"שׁ גֶעבְּט מִיר צוּ

פַאַרְשְׁטֵיין: "זֶעסְט וָואס שְׁטֵייט דָא? דֶער רֶבִּי זָאגְט, נָאר דִי דְרֵיי זַאכְן אִיז גֶערֶעדְט; יֶעדֶע מָאל דוּ רֶעדְסְט - זָאלְסְטוּ רֶעדְן פוּן דִי דְרֵיי זַאכְן: פוּן תּוֹרָה, פוּן סֵדֶר דֶּרֶךְ הַלִּימוּד; זַיי מְחַזֵּק דִי בָּחוּרִים אוּן אִינְגֶעלַייט צוּ לֶערְנֶען כָּל הַתּוֹרָה כּוּלָהּ אוֹיף'ן רֶבִּינְ'ס וֶועג, אֲפִילוּ אָן פַאַרְשְׁטֵיין. רֶעד פוּן תְּפִלָּה וְהִתְבּוֹדְדוּת; זַיי מְחַזֵּק דִי צוּהֶערֶער זָאלְן זִיךְ צוּקְלֶעבְּן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, יֶעדֶע זַאךְ בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן. דְרִיטְנְס, רֶעד פוּן שִׁידוּכִים אוּן שָׁלוֹם בַּיִת; אַזוֹי זָאלְסְטוּ טוּן, אַז מֶען אִיז דִיךְ מְכַבֵּד צוּ רֶעדְן - זָאלְסְטוּ רֶעדְן נָאר פוּן חִיזּוּק אוֹיף דִי דְרֵיי נְקוּדוֹת.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## עֶס וֶועט זַיין שֶׁפַע, מֶען וֶועט קֶענֶען בַּאצָאלְן דִי אַיינְגֶעשְׁטֶעלְטֶע

בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה' פָּרָשַׁת וָאֵרָא, י"ב שׁוֹבָבִי"ם, כ"ו טֵבֵת, שְׁנַת תשפ"ג לִפְרָט קָטָן

**לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר, מְנַהֵל מוֹסְדוֹת הֵיכַל הַקּוֹדֶשׁ בְּאֶרֶץ יִשְׂרָאֵל**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

זָארְג נִישְׁט, מֶען וֶועט וַוייטֶער שִׁיקְן גֶעלְט קַיין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל צוּ בַּאצָאלְן דִי מְלַמְּדִים אוּן אַיינְגֶעשְׁטֶעלְטֶע; יֶעצְט אִיז טַאקֶע לֵיידִיג דִי קַאסֶע, אָבֶּער דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וֶועט מַאכְן מִיט אוּנְז גְרוֹיסֶע נִיסִים.

אִיךְ הָאבּ אוֹיפְגֶענוּמֶען הָאבְרֶךְ אַיְיזִיק אַפֶּעל נֵרוֹ יָאִיר עֶר זָאל זַיין גֶעשְׁטֶעלְט אוֹיף דִי צְוֶועק, צַאמְנֶעמֶען גֶעלְט פַאר דִי מוֹסְדוֹת אִין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל. קֶענְסְט אִים הֶעלְפְן מִיט אַרַיינְשְׁטֶעלְן אִין אוּנְזֶער צֵייטוּנְג פְּרַאקְלַאמֶעס פוּן גֶעבְן צְדָקָה פַאר דִי חֵדֶר אִין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל עַל טָהֳרַת הַקּוֹדֶשׁ, לֵייג בִּילְדֶער פוּן דִי חֵדֶר אוּן שְׁרַייבּ סְכוּמִים, לְמָשָׁל 'פַאר כַּךְ וְכַךְ קֶענְט אִיר הָאבְן אַ זְכוּת פוּן אַ מְלַמֵּד אָדֶער קִינְד פַאר אַ וָואךְ', אָדֶער 'פַאר כַּךְ וְכַךְ קֶענְט אִיר הָאבְן דִי זְכוּת פוּן יְשִׁיבָה קְטַנָּה' וְכַדּוֹמֶה.

טֵייל אויס פושְׁקֶעס פַאר אַלֶע אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ און אִיךְ וֶועל שְׁרַייבְּן פַאר אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ צו הַאלְטְן חָשׁוּב דִי פושְׁקֶע און לֵייגְן זֵייעֶר צְדָקָה פַאר אונְזֶערֶע מוֹסְדוֹת.

פַארְלִיר זִיךְ נִישְׁט, נֶעם דִי קִינְדֶער זָאלְן יֶעדְן טָאג דַאוֶוענֶען עֶס זָאל זַיין שֶׁפַע, מֶען זָאל קֶענֶען בַּאצָאלְן דִי אַיינְגֶעשְׁטֶעלְטֶע און אַלֶעס וָואס מֶען דַארְף פַאר דִי מוֹסָד.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

**דִי עִיקָר כֹּחוֹת לֵייג אַרַיין אִין חֶדֶר**

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה׳ פַּרְשַׁת וָאֵרָא, י״ב שׁוֹבָבִי״ם, כ״ו טֵבֵת, שְׁנַת תשפ״ג

לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד מַיין לִיבֶּער ... נֵרוֹ יָאִיר, מְלַמֵד תַּלְמוּד תּוֹרָה הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ לִיבֶּערְטִי**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

דִי עִיקָר כֹּחוֹת לֵייג אַרַיין אִין חֶדֶר; אַז דו ווילְסְט זִיךְ אויסְלופְטֶערְן קֶענְסְטו שְׁרַייבְּן פַאר אונְזֶער צֵייטונְג, אָבֶּער נִישְׁט אויפ׳ן חֶשְׁבּוֹן פון אונְזֶערֶע קִינְדֶער. גְלֵייבּ מִיר, עֶס אִיז מִיר גָארְנִישְׁט אִינְטֶערֶעסַאנְט נָאר אויבּ אונְזֶער חִינוּךְ אִיז הונְדֶערְט פְּרָאצֶענְט גוט, אויבּ דִי חִינוּךְ אִיז נִישְׁט הונְדֶערְט פְּרָאצֶענְט גוט - אִיז מִיר נִישְׁט אִינְטֶערֶעסַאנְט גָארְנִישְׁט; נִישְׁט דֶער צֵייטונְג, נִישְׁט דֶער בְּלֶעטְל און נִישְׁט קַיין גִלְיוֹנוֹת, גָארְנִישְׁט גָארְנִישְׁט.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

**יֶעדֶער קֶען קוּמֶען אִין שׁוּל, נִישְׁט יֶעדֶער קֶען אָבֶּער פָארְלֶערְנֶען**

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה׳ פַּרְשַׁת וָאֵרָא, י״ב שׁוֹבָבִי״ם, כ״ו טֵבֵת, שְׁנַת תשפ״ג

לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

בְּנוֹגֵעַ וְכוּ׳; מֶען קֶען נִישְׁט זָאגְן בְּרֶענְג נִישְׁט דֶעם אוּן דֶעם מֶענְטְשׁ בַּיי אוּנְז אִין שׁוּל, אַ בֵּית הַמֶּדְרָשׁ אִיז אַן אָפֶענֶע פְּלַאץ, אַלֶע קֶענֶען קוּמֶען.

וָואס וֶועסְטוּ טוּן וֶוען מֶענְטְשְׁן נִישְׁט לְפִי אוּנְזֶער וֶועג וֶועלְן קוּמֶען אִין שׁוּל? מֶען קֶען גָארְנִישְׁט טוּן אוּן מֶען טָאר נִישְׁט טוּן, מֶען דַארְף נָאר הָאבְּן קְלוּגֶע גַבָּאִים וָואס וֵויסְן וֶועם מְכַבֵּד זַיין צוּ רֶעדְן, וֶועם מְכַבֵּד זַיין נָאר מִיט אַן עֲלִיָּ׳, אוּן וֶועם מְכַבֵּד זַיין נָאר מִיט לָאזְן זִיצְן פוּן דִי זַייט וְכוּ׳.

מִיר הָאבְּן דָאס גֶעהַאט וֶוען מִיר הָאבְּן גֶעעֶפְנְט אוּנְזֶער שׁוּל אִין ווִילְיַאמְסְבּוּרְג. עֶס זֶענֶען אַרַיינְגֶעקוּמֶען גֶעסְט, אִין אָנְהוֹיבּ הָאט מֶען דֶעם מְכַבֵּד גֶעוֶוען מִיט רֶעדְן אוּן יֶענֶעם מְכַבֵּד גֶעוֶוען מִיט רֶעדְן, בִּיז מֶען הָאט זִיךְ גֶעכַאפְּט אַז נִישְׁט אַלֶע זֶענֶען אַיינְשְׁטִימִיג מִיט מוֹהֲרַא״שׁ; זֵיי פַארְרוּפְן זִיךְ בְּרֶסְלֶבְ׳עֶר חֲסִידִים אָבֶּער זֵיי זֶענֶען נִישְׁט, זֵיי זֶענֶען גֶעקוּמֶען זָאגְן דֵעוֹת וְכוּ׳, הָאבְּן מִיר אָנְגֶעהוֹיבְּן מְכַבֵּד זַיין גֶעסְט מִיט עֲלִיּוֹת אוּן מִיט בֶּענְטְשְׁן בִּרְכַּת הַמָּזוֹן וְכַדוֹמֶה, אָבֶּער רֶעדְן הָאט נָאר גֶערֶעדְט דֶער וָואס אִיז בָּטֵל וּמְבוּטָל צוּ מוֹהֲרַא״שׁ זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ, וְהָבֵן לְמַעֲשֶׂה.

דֶער גַבְּאַי הָאַבְרֵךְ ... נֵרוֹ יָאִיר אוּן דֶער צְוֵוייטֶער גַבְּאַי הָאַבְרֵךְ ... נֵרוֹ יָאִיר - זֵיי דַארְפְן ווִיסְן וֶועם מְכַבֵּד זַיין צוּ רֶעדְן אוּן וֶועם נִישְׁט וְכוּ׳ וְכוּ׳.

שְׁטַארְק זִיךְ מִיט דַיין הֵיילִיגֶע אַרְבֶּעט.

...

## די סְעוּדוֹת שַׁבָּת וֶועלְן דיר מְתַקֵּן זַיין אַלֶע פְּגָמִים

**בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - עֶרֶב שַׁבַּת קוֹדֶשׁ פַּרְשַׁת וָאֵרָא, מְבָרְכִים הַחוֹדֶשׁ, י״ג שׁוֹבְבִי״ם, כ״ז טֵבֵת, שְׁנַת תשפ״ג לִפְרָט קָטָן**

**לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

מִיר גֵייעֶן יֶעצְט אַרַיין אִינֶעם צְוֶוייטְן שַׁבָּת פוּן שׁוֹבְבִי״ם. מוֹהֲרַא״שׁ פְלֶעגְט שְׁטֶענְדִיג חַזֶר׳ן בַּיי די לֵיל שִׁישִׁי שִׁיעוּרִים פוּן שׁוֹבְבִי״ם וָואס דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים זָאגְן (תַּנְחוּמָא בְּרֵאשִׁית, ג): ״כְּבוֹד שַׁבָּת עָדִיף מֵאֶלֶף תַּעֲנִיּוֹת״, זִיךְ פְרֵייעֶן שַׁבָּת אוּן הָאבְּן פַארְגֶענוּגְן שַׁבָּת - אִיז מֶער פוּן פַאסְטְן טוֹיזְנְט טֶעג; דֶערִיבֶּער בֶּעט אִיךְ דִיר, זֶע צוּ מַאכְן שֵׁיינֶע סְעוּדוֹת, זִינְג זְמִירוֹת אוּן דֶערְצֵייל שֵׁיינֶע מַעֲשִׂיּוֹת פַאר דַיין וַוייבּ אוּן קִינְדֶער, די סְעוּדוֹת שַׁבָּת וֶועלְן דִיר מְתַקֵּן זַיין אַלֶע פְּגָמִים.

זִינְג זְמִירוֹת בַּיי דִי סְעוּדָה. דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ״ן חֵלֶק ב, סִימָן קד) זִינְגֶען זְמִירוֹת אִיז אַן עִיקָר אִין אִידִישְׁקֵייט; ווי לַאנְג נֶעמְט צוּ זִינְגֶען דִי בִּיסְל זְמִירוֹת? הוֹיבּ אָן דִי סְעוּדָה פְרַייטָאג צוּ נַאכְטְס מִיט ״שָׁלוֹם עֲלֵיכֶם״; עֶס נֶעמְט נִישְׁט לַאנְג, עֶס נֶעמְט אִינְגַאנְצְן אַפָּאר מִינוּט.

וֶוער עֶס אִיז מְכַבֵּד שַׁבָּת - וֶוערְט רַייךְ. חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (שַׁבָּת קיט.) וֶוען אַ מֶענְטְשׁ אִיז מְכַבֵּד דֶעם שַׁבָּת - וֶוערְט עֶר גֶעבֶּענְטְשְׁט מִיט עֲשִׁירוּת, אַזוֹי ווִי רֶבִּי חִיָּיא בַּר אַבָּא הָאט דֶערְצֵיילְט: אַמָאל בִּין אִיךְ גֶעוֶוען אִין דִי שְׁטָאט לוּדְקִיָּא אוּן אִיךְ בִּין דָארְט אַיינְגֶעשְׁטַאנֶען בַּיי אֵיינֶעם, הָאבּ אִיךְ גֶעזֶען אַז מֶען הָאט אִים אַרַיינְגֶעבְּרֶענְגְט אַ גָאלְדֶענֶעם טִישׁ, דֶער טִישׁ אִיז גֶעוֶוען גֶעמַאכְט פוּן אַזוֹיפִיל גָאלְד אַז זֶעכְצְן מֶענְטְשְׁן הָאבְּן דָאס גֶעדַארְפְט אוֹיפְהֵייבְּן; אִינֶעם טִישׁ זֶענֶען גֶעוֶוען זֶעכְצְן זִילְבֶּערְנֶע קֵייטְלֶעךְ צוּגֶעבִּינְדְן צוּ זֵיי טֶעלֶערְס אוּן גְלֶעזֶער, אוֹיפְ׳ן טִישׁ זֶענֶען גֶעוֶוען אַלֶע גֶעשְׁמַאקֶע עֶסְן אוּן טְרִינְקֶען, אוּן שְׁמֶעקֶעדִיגֶע בְּשָׂמִים.

וֶוען מֶען הָאט אַרַיינְגֶעבְּרֶענְגְט דֶעם טִישׁ הָאט מֶען גֶעזִינְגֶען דֶעם קַאפִּיטְל תְּהִלִּים (תְּהִלִּים כד, א): ״לַה׳ הָאָרֶץ וּמְלוֹאָהּ וְגוֹ׳״, אַלֶעס אוֹיף דִי וֶועלְט אִיז דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְנְ׳ס, נָאכְן עֶסְן הָאבְּן זֵיי גֶעזִינְגֶען דֶעם קַאפִּיטְל תְּהִלִּים (תְּהִלִּים קטו, טז): ״הַשָּׁמַיִם שָׁמַיִם לַה׳ וְהָאָרֶץ נָתַן לִבְנֵי אָדָם״.

"הָאב אִיךְ זִיךְ זֵייעֶר גֶעוואוּנְדֶערְט" - פַארְצֵיילְט רֶבִּי חִיָיא בַּר אַבָּא - "אִיךְ הָאבּ אִים גֶעפְרֶעגְט דֶעם מֶענְטְשׁ וָואס פַאר אַ גוּטֶע זַאךְ הָאסְטוּ גֶעטוּן אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט דִיר גֶעגֶעבְן אַזַא רַייכְטוּם?" הָאט עֶר מִיר גֶעזָאגְט: "אִיךְ בִּין אַ קַצָּב (בּוּטְשֶׁער) אוּן וֶוען אִיךְ זֶע אַ שֵׁיינֶע בְּהֵמָה לֵייג אִיךְ דָאס אַוֶועק פַאר מִיר פַאר שַׁבָּת", הָאט אִים רֶבִּי חִיָיא גֶעזָאגְט: "אַשְׁרֶיךָ שֶׁזָּכִיתָ", ווארויל אִיז דִיר אַז דוּ הָאסְט זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ דֶעם, "וּבָרוּךְ הַמָּקוֹם שֶׁזִּכֵּךְ לְכָךְ", אוּן גֶעלוֹיבְּט אִיז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אַז עֶר הָאט דִיר מְזַכֶּה גֶעוֶוען מִיט דֶעם.

אַ פְרֵיילִיכְן שַׁבָּת.

...